בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת במדבר תשפ"ה

פון כ"ז אייר – ביז ד' סיון

לעילו נשמת אבי הרה"ח רבי משה אפרים
ב"ר ארי' ע"ה
ולעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח ר'
משה יהודה ע"ה

צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג ביטע שיקט א מעסעדטש צו דעם נומער 907-9119 (646)

## זונטאג – כ"ז אייר

הרה"ק רבי שלמה זלמן ב"ר יהודה לייב זי"ע, (שניאורסאהן), בעל מגן אבות, אב"ד קאפוסט.

הרה"ק רבי צבי הירש ב"ר חיים זי"ע, הי"ד, (פריעדלענדער), בעל שערי הישר, אב"ד ליסקא.

## מאנטאג – כ"ח אייר

הרה"ק רבי יחזקאל שרגא ב"ר שלמה יהודה זי"ע, הי"ד, (וויינבערגער), אב"ד פאיע.

## דינסטאג – כ"ט אייר

הרה"ק רבי מאיר ב"ר אהרן ארי' לייב זי"ע, (לייפער), בעל דברי מאיר, מפרמישלאן.

## מיטוואך – א' סיון

הגה"ק רבי אליעזר דוד ב"ר עמרם זי"ע, (גרינוואלד), בעל קרן לדוד, אב"ד סאטמאר.

## דאנערשטאג – ב' סיון

הרה"ק רבי חיים אלעזר ב"ר צבי הירש זי"ע, (שפירא), בעל מנחת אלעזר, ממונקאטש.

## פרייטאג – ג' סיון

הרה"ק רבי יעקב שמשון ב"ר יצחק זי"ע, (שפירא), משפיטיווקא.

## שבת קודש – ד' סיון

הרה"ק רבי ישעי' נפתלי הירץ ב"ר דויד זי"ע, (שפירא), בעל הנותן אמרי שפר, מדינוב.

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה.

לעילו נשמת אמי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה.

**יארצייט**
**זונטאג כ״ז אייר**

**הרה״ק רבי שלמה זלמן ב״ר יהודה לייב זי״ע, (שניאורסאהן), בעל מגן אבות, אב״ד קאפוסט,**

ער איז געבוירן אין שטאט ליובאוויטש, בשנת תק״ץ,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי יהודה לייב ראש שושלת קאפוסט, הנקרא המהרי״ל מקאפוסט זי״ע,
בן הרה״ק רבי מנחם מענדל בעל צמח צדק מליובאוויטש זי״ע,

און צו זיין מאמע די טאכטער פון הרה״ק רבי שלמה פריידעס משקלוב זי״ע פון די גרויסע חסידי חב״ד,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א גאון עולם בתורה ובחסידות, אויך איז ער געווען א בעל מחדש נפלא, ער פלעגט האלטן דרשות יעדן שבת און יום טוב, וואס האט באצויבערט דעם עולם, אפילו זייענדיג א גרויסע גאון און קדוש איז ער געווען א שפל בשפלות וענווה מאוד, ווען מען פלעגט אים רופען מיטן טיטול אדמו״ר האט מען געזעהן ווי ער ווערט ממש פארשעמט,

ביז די 12 יאר האט ער געלערנט ביי זיין גרויסן טאטן זי״ע, און ער איז שוין דאן געווען א בקי נפלא בש״ס ופוסקים, פון דאן האט ער אנגעהויבן לערנען מיטן טאטן תורת החסידות,

י׳ טבת בשנת תר״ז האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת חנה ע״ה,
בת הנגיד רבי יעקב לייב לוריא מליעפלי זי״ע,
די חתונה איז פארגעקומען אין ליובאוויטש ביים זיידן דער הייליגער צמח צדק זי״ע, די חתונה איז געווען ביים זיידן א גרויסע שמחה ווייל דער אייניקל איז געווען ביים זיידן גאר חשוב,

פאר די קומענדיגע 10 יאר נאכן חתונה איז דער גאון געווען אויף קעסט ביים שווער, וואס האט אים אויס געהאלטן, און דער איידעם איז דאן געזעצן און עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדה,

אבער ליידער נאך 10 יאר איז דער שווער געווארן א יורד ל״ע און דאן איז ער צוריק וואוינען ביים טאטן אין ליובאוויטש,

ג׳ חשון בשנת תרכ״ז איז די טאטע נסתלק געווארן, האט דער זוהן רבי שלמה זלמן זי״ע דאן איבער גענומען דאס רבנות אין שטאט קאפוסט, און דארט איז ער געבליבן 34 יאר ביז צו זיין פטירה, טויזנטער אידן זענען געקומען מיט האלטן זיין געהויבענע עבודה און זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש,

ער איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע גאונות וחריפות בתורה, זיין עבודת התפלה איז געווען מיט א געוואלדיגע התלהבות און מיט א אש קודש, אידן האבן דערציילט אז יעדער וואס איז געשטאנען בשעת מעשה ווען דער צדיק האט אראפ געלייגט זיין עבודת התפילה, איז נתעורר געווארן צו תשובה און תיקון המעשים, ורבים השיב מעון,

ער האט אמאל געזאגט, אז עס גייט נישט דורך א נאכט אן דעם וואס ער זאל זעהן דעם זיידן הרה״ק בעל צמח צדק זי״ע, און יעדעס מאל זאגט דער זיידע א דרוש בחסידות און ער געדענקט דאס, אבער ער וויל דאס נישט זאגן פאר די חסידים ווייל סוף כל סוף איז דאס א חלום,

ער האט געזאגט אז ער האט 40 סיפורים וואס דורך דעם קען מען צוקומען צו תשובה שלימה, אבער די דור איז נישט ראוי פאר דעם,

ער האט זיינע מאמרי החסידות געזאגט כאטש דריי מאל כדי די תלמידים זאלן דאס קענען בעל פה, זיינע דברי תורה און מאמרים זענען געזאגט געווארן מיט א מוראדיגע קלארקייט, אז אפילו די פשוטע חסידים האבן דאס געקענט פארשטיין,

זיינע מאמרים זענען געדריקט געווארן אונעם ספר מגן אבות, וואס איז ארויס געקומען בשנת תרס״ב צוויי יאר נאך זיין פטירה, דורך זיין זוהן הרה״ק רבי יהודה לייב זי״ע, די ספר איז געווארן אן גענומען ביי די חסידים מיט א מוראדיגע אהבה,

צווישן זיינע גרויסע תלמידים זענען פארעכענט הגה״ק רבי חיים מאיר הילמאן מחבר ספר תולדות חב״ד בית רבי זי״ע, און הגה״ק רבי יוסף רוזין דער הייליגער רוגטשובער גאון זי״ע,

ער האט איבער געלאזט זיין בנו יחידו הרה״ק רבי יהודה לייב זי״ע, ממלא מקום אביו אין קאפוסט,

בשנת תר״ס איז ער ליידער קראנק געווארן און ער איז געפארן קיין מאסקווא פאר צרכי רפואה, אבער נאך אפאר טאג איז ער צוריק אהיים געקומען,

נסתלק לגנזי מרומים ביום שבת קודש כ״ז אייר בשנת תר״ס, ומנוחתו כבוד איז אין קאפוסט נעבן זיין הייליגען טאטן זי״ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט**
**זונטאג כ"ז אייר**

**הרה"ק רבי צבי הירש ב"ר חיים זי"ע, הי"ד, (פריעדלענדער), בעל שערי הישר, אב"ד ליסקא,**

ער איז געבוירן אין שטאט ליסקא, בשנת תרל"ה,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי חיים בעל טל חיים מליסקא זי"ע,
בן הרה"ק רבי משה דומ"ץ קליינווארדיין זי"ע,
בן הרה"ק רבי דוד אב"ד קליינווארדיין זי"ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת חיה שרה ע"ה,
בת הרה"ק רבי צבי הירש בעל אך פרי תבואה מליסקא זי"ע,
בן הגה"ק החסיד וצדיק נסתר רבי אהרן פרישמאן זי"ע,

חסידים האבן דערציילט, אז אינעם לעצטן יאר פונעם זיידן דער הייליגער אך פרי תבואה מליסקא זי"ע, האט ער געזאגט פאר'ן איידעם דער הייליגער טל חיים זי"ע, אז דעם קומענדיגע טאג וועט איינער ברענגען צו זיי אין שטוב א פיש צו פארקויפן, און זיין רביצין חיה שרה ע"ה זאל עס אפקויפן, זי זאל עס אפקאכן און אויפעסן דעם קאפ, און דער זיידע דער הייליגער אך פרי תבואה זי"ע האט פאראויס געזאגט ברוח קדשו, אז דאס איז מרמז, אז היי-יאר וועט זי געבוירן א זון, וועלכער וועט אויסוואקסן א גרויסער עילוי, ובל"ק: "ער וועט זיין א קארפן-קאפ",

כך הוה, יענעם טאג איז צו זיי אין שטוב אריין געקומען א פיש-כאפער, און אן געטראגן צו פארקויפן א גרויסן פיש, די רעבעצין האט געפאלגט וואס איר גרויסע טאטע דער הייליגער אך פרי תבואה האט געהייסן, און בשנת תרל"ה א יאר שפעטער, איז צו זיי געבוירן געווארן א בן זכר, דער הייליגער צדיק רבי צבי הירש בעל שערי הישר זי"ע, און דער שערי הישר איז טאקע אויסגעוואקסן א "קארפן קאפ" במלוא מובן המילה, און ער האט געטראגן דעם הייליגען נאמען פון זיין זיידן רבי הערשעלע ליסקער זי"ע,

ער איז געווען א גאון הגאונים און א חריף עצום בתורה, ער איז געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד, ער האט עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, הונדערטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, ער האט די עדה הקדושה אין שטאט ליסקא געפירט מיט א מסירת נפש ממש, ביז מען האט די שטאט אוועק געפירט קיין אושוויץ, ווי דער צדיק מיט די משפחה און רוב פונעם שטאט זענען ליידער אום געברענגט געווארן על קידוש השם הי"ד,

פון אלס יונג קינד האט מען שוין געזען זיין גדלות און חריפות בתורה, ער איז שוין דאן געווען מפורסם אלס א עילוי און חריף נפלא בתורה, פון גאר יונג האט דער קינד שוין זוכה געווען צו לערנען אין די ישיבה פון זיין גרויסן טאטן, וואס דארט האט דער גאון געלערנט מיט גרויסע גאונים וגדולים בתורה,

אין זיין יוגענט איז דער גאון שוין געווען א בקי בש"ס ופוסקים, און גאר שנעל האט זיין גרויסע טאטע אנגעהויבן לערנען קבלה מיט זיין גרויסן זון, וואס ער איז גאר שנעל מפורסם געווארן אלס א בקי בתורת הנסתר, זיין טאטע האט אפילו אריין געלייגט אסאך פון זיינע חידושים אין זיין ספר טל חיים,

ער האט שוין ביי די בר מצוה געמאכט זיין אייגענע פשעטיל, וואס איז געווען א גאר טיפע פלפול פיל מיט חריפות און בקיאות, דער צדיק וגאון רבי צבי הירש האט זיך אמאל אוים געדריקט אויף זיך בזה"ל, "איך בין געווען אזוי זיכער ביי מיר, אז איך וואלט געזאגט דעם פשעטיל אפילו אין שטאט לעמבערג",

ביי די 17 יאר אלט, איז דער צדיק שוין נסמך געווארן להוראה דורך גדולי הדור ובתוכם,
הגה"ק רבי יצחק שמעלקיש בעל בית יצחק מלעמבערג זי"ע,
הגה"ק רבי צבי הירש שפירא בעל דרכי תשובה ממונקאטש זי"ע,
הגה"ק רבי שרגא צבי טענענבוים בעל נטע שורק מטשאטה זי"ע,

נישט לאנג נאכדעם האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת גיטל ע"ה,
בת הרה"ח הנגיד הגביר רבי יצחק אייזיק בערגער ממאדה זי"ע,

נאכן חתונה האט דער צדיק ווייטער עוסק געווען בתורה ועבודת השם יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, אויך האט מען אויף גענומען דעם גאון אלס ראש ישיבה דארט אין שטאט מאדה, אינעם שטאט פון זיין שווער, ער האט דארט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גאונים וגדולים בתורה, וואס אסאך פון זיי

זענען אפילו געווען עלטער ווי אים, אבער צוליב זיין גערוואלדיגע גדלות וחריפות בתורה, האבן זיך די אלע תלמידים מכניע געווען פאר אים.

בשנת תרנ"ט ווען דער גאון איז נאר געווען 26 יאר אלט, האט מען אים אויף גענומען אלס רב אין שטאט גאווה, דארט האט ער אויף געשטעלט זיין ישיבה ווי גרויסע גדולים און גאונים בתורה זענען דארט געקומען לערנען, פון נאנט און ווייט זענען געקומען גרויסע תלמידי חכמים לערנען ביי דעם גאון וחריף בתורה, זיין טאטע דער הייליגער טל חיים זי"ע האט זיך אמאל אויס געדריקט אויפן זון בזה"ל, "מיין הערשעלע איז טאקע געווען רב אין שטאט "גאווה", אבער גאווה האט ער קיינמאל נישט געהאט".

בשנת תרס"ד ווען זיין הייליגען טאטע דער טל חיים זי"ע איז נסתלק געווארן, האט מען אויף גענומען דעם זון רבי צבי הירש אלס ממלא מקום אין שטאט ליסקא, דאן האט זיך ארויס געוויזן זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע כח, ער האט דאן זייענדיג נאר 30 יאר אלט, איבער גענומען דאס רבנות אין שטאט מיט א געוואלדיגע שטארקייט, ער האט ממשיך געווען צו פירן די קהלה קדושה פאר כמעט 40 יאר, אלעס אויפן דרך ישראל סבא פונקט ווי זיין טאטע און זיידע זי"ע.

פון גאנץ אונגארין זענען אידן געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, וואס זיין עבודת השם איז געווען מיט א ברען און א קדושה וטהרה, אידן זענען געקומען צו דעם צדיק פאר א עצה ותושיה און פאר ברכות, אידן דערציילן גרויסע ישועות וואס מען האט גע'פועל'ט מיט א ברכה פון דעם צדיק וקדוש.

ער האט זיך דאן מוסר נפש געווען און לוחם געווען מלחמתה של תורה קעגן די מתחדשים און משכילים, און ארויס בחרב ובחנית קעגן די וואס האבן פראבירט צו אפ פירן אידן פונעם אידישען וועג, די דרך וואס מען האט מקבל געווען מאבותינו ורבותינו הקדושים, ער האט וועגן דעם גאר אסאך געליטן פון די רשעים, אבער דאס האט נישט אפ געשוואכט דעם צדיק פון זיך מוסר נפש זיין פאר יעדע הלכה און מנהג ישראל.

ער האט דאן אויך געארבעט גאר שווער צו מרבה זיין טהרה ביי אידישע קינדער, און אפילו עס איז דעם צדיק אנגעקומען שווער, האט ער ביי זיך אין שטאט און אויך אין שטעט ארום אויף געשטעלט א מקו' טהרה צו מרבה זיין קדושה ביי אידישע קינדער.

זיין עבודת התפילה איז געווען א שם דבר אין גאנץ אונגארין, אידן וואס זענען געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקודש האבן דערציילט, אז עס איז געווען מיט א געוואלדיגע דביקות און התלהבות דקדושה, הונדערטער אידן זענען נתעורר געווארן צו תשובה דורך זיין עבודת הקודש ורבים השיב מעון, אויך זיין גאנצע עבודה ביי יעדע דבר שבקדושה איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע דביקות און התלהבות.

ער האט מחבר געווען בערך 30 חיבורים קדושים, אבער די באוויסטע פון זיינע חיבורים איז געווען ספר שערי הישר.

ביי די ערשטע וועלט מלחמה ווען הונדערטער און טויזענטער אידן האבן נעבעך געברויכט גיין דינען אין די מיליטער, און זענען ליידער נישט צוריק געקומען נאך די מלחמה, האט דער גאון וצדיק עוסק געווען צו מתיר זיין הונדערטער עגינות, אויך האט ער נאכדעם זיך מוסר נפש געווען צו צוריק שטעלן אידישקייט אין גאנץ אונגארין.

ליידער ווען עס איז אנגעקומען די צווייטע וועלט מלחמה בשנת תרצ"ט, האט דער צדיק מיט געטיילט די זעלבע גורל ווי אלע אידן אין אונגארין, אבער אידן וואס זענען געווען צוזאמען מיט דעם צדיק אין די צייטן פון די מלחמה, האבן דערציילט דאס מסירת נפש פון דעם צדיק, ער האט דאן ווייטער געדינט דעם גרויסן באשעפער מיט א מסירת נפש ממש, ער האט עוסק געווען בתורה ועבודת השם, אויך האט ער גאר אסאך עוסק געווען צו העלפן די אידן פון שטאט מיט וואס ער האט נאר געקענט.

ליידער ווען מען האט אוועק געפירט דעם שטאט ליסקא קיין אוישוויץ, האט דער צדיק וקדוש זיך אנגעטון תכריכים און זיך געגרייט מיט א געוואלדיגע קדושה צו גיין אויף קידוש השם, ער האט די גאנצע וועג אויפן באן מחזק געווען די אידן, אז מען זאל נישט ח"ו פארלירן דעם ריינע אמונה, אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט וואס ער פירט יעדע זאך, און אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם, על תתייאש מן הרחמים.

כ"ז אייר בשנת תש"ד האט מען ליידער אום געברענגט דעם צדיק וקדוש על קידוש השם, צוזאמען מיט זיינע קינדער הקדושים רבי שמעון, רבי חיים, רבי אברהם זי"ע הי"ד, אבער ברוב רחמיו וחסדיו פונעם גרויסן באשעפער, איז איבער געבליבן מיט ניסי ניסים איין זון הרה"ק רבי יוזפא פריעדלענדער בעל אור הישר אדמו"ר

מליסקא זי"ע, וואס ער האט ממשיך געווען די שלשלת ליסקא נאך די מלחמה,

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

דער זון הרה"צ רבי יוזפא פריעדלענדער בעל אור הישר זי"ע האט אמאל דערציילט, אז ביי זיי אינדערהיים איז דעם טאטנס לערנען-שטוב געווען מער ווארימער פון אלע אנדערע שטובער, און ווען איינע פון די קינדער האבן נישט גוט געפילט פלעגט דער קינד גיין שלאפן אינעם לערנען-שטוב,

דער הייליגער שערי הישר זי"ע האט מיט געמאכט גאר אסאך צער גידול בנים, עטליכע קינדער זענען אים ל"ע נפטר געווארן בחייו, אנדערע זענען געווען פארווירקלט אין פיזישע פראבלעמען, דעריבער האט ער באזונדער גאר שטארק אויף געפאסט אויפן געזונט פון זיינע קינדער, און ער האט זיך זייער שטארק אפ געגעבען אז זיי זאלן זיין געזונט און האבן אלעם וואס עס פעלט זיך אוים לבריאות גופם, ממילא ווען דער הייליגער שערי הישר האט געזעהן אויף איינעם פון די קינדער אז ער פילט זיך נישט גוט, האט ער אים אריין גענומען צו שלאפן מיט זיך אין ספרים שטוב, און דארט איז דאס קינד געשלאפן ביז ווען דער מצב האט זיך פארבעסערט,

אמאל אלס קינד האט דער זון רבי יוזפא זי"ע זיך שטארק פארקילט, האט אים דער טאטע געהייסן זיך לייגן שלאפן אין זיין ספרים שטוב, דערציילט דער זון, "דעמאלס האב איך געקענט באטראכטן דעם טאטנס הייליגע עבודה", ווי אזוי זיין טאטע פלעגט זיצן און לערנען גאנצע נעכט אינעם לערנען שטוב, און כסדר געשריבן חידושי תורה, וועלענדיג זען פון דער נאהנט די סדר עבודת הלילה פון זיין גרויסע טאטע זי"ע, האט ער זיך איבערגעדעקט מיטן דאכענע און ארויסגעקוקט אויף א אופן אז די טאטע זאל נישט באמערקן, נאר עס זאל אים דאכטן אז איך שלאפט שוין,

ווי נאר עס איז אנגעקומען חצות הלילה, האט דער טאטע זיך גע'טובל'ט מיט א זריזות, דער הייליגער שערי הישר האט געהאט א אייגענע מקוה אין זיין שטוב,

נאכען טבילה האט דער טאטע זיך געזעצט לערנען געוויסע ספרי קבלה מתוך התלהבות באימה וביראה, אויך האט ער דאן געשריבן אסאך פון זיינע חידושים אין קבלה,

און קרוב צום עלות השחר האט ער געזינגן דעם פזמון 'ברן כוכבי' מיט א אויסנאמע זיסקייט וואס לאזט זיך נישט באשרייבן, און איינמאל ס'האט געטאגט האט ער געלערנט די שיעורים קבועים מיט זיינע קינדער גמרא תוספות, ביז דער זמן התפילה,

און דער זוהן רבי יוזפא זי"ע האט געזאגט, איך בין מעיד אז מיין הייליגע טאטע דער שערי הישר זי"ע איז געווען אכצן שעה א מעת לעת אריין געטוהן אין תורה און עבודת השם בלי גוזמא, זיך נישט אפגעגעבען מיט קיין וועלטס פאליטיק זאכן, אויסער אויב ס'געווען נוגע לתיקון הדת, בלויז די איבריגע זעקס שעה האט ער אוועק געשאנקן פאר עסן און שלאפן, און אפילו דאס האט ער איינגאנצן מהפך געווען בבחינת גשמיות לרוחניות,

דעם טאטע'ס גרויסע מדריגות איז געווען להפליא ער האט געקענט אנקוקן א ספר און זעהן צו דער מחבר טובל'ט זיך אין א מקוה יעדן טאג, א ספר וואס ער האט ברוב קדושתו מרגיש געווען אז דער מחבר טובל'ט זיך נישט אין מקוה, האט ער נישט געוואלט אריינקוקן דערין,

דער הייליגער שערי הישר זי"ע איז אמאל געווען אין פרשבורג צוליב א ענין, און זייענדיג דארט איז ער אריין כנהוג צום מרא דאתרא הגה"ק רבי עקיבא סופר בעל דעת סופר זי"ע, וועלכע האט אים אויף גענומען ביותרת הכבוד אויף א שטארקע אופן, ווי אויך האט ער אים מכבד געווען מיט זאגן א דרשה פאר די גרויסע למדנים פון שטאט ווי אויך פאר די תלמידים פון זיין גרויסע ישיבה,

איידער דער הייליגער שערי הישר האט אן געהויבען זיין דרשה, האט ער מקדים געווען מיטן געבן א זאג פאר דער פארזאמעלטע עולם בזה"ל, "עטס זאלטס וויסן, אז לכבודו של מקום וועל איך בויען מיין דרשה אויסער אויף די ראשונים ואחרונים פארשטייט זיך, וועל איך בויען מיין פשעטיל נאר אויף די גדולי תורה וועלכע האבן שייכות מיט די שטאט פרשבורג",

דער עולם האט נישט פארשטאנען וואס דער הייליגער שערי הישר מיינט מיט דעם צו זאגן, אבער שפעטער מער אריין אין די טיפזינדעדיגע פשעטיל וואס האט

אנגעהאלטן עטליכע שטונדעס, אזוי ווי דער מנהג איז געווען, אז ווען ס'געקומען א רב פון דער פרעמד, האט דער מרא דאתרא מכבד געווען דעם גאסט מיט א דרשה, האט מען זיך נישט אזוי געאיילט, אדרבא דאס איז געווען זייערע פארוויילונג אונטערהאלטונג צו הערן מגידות און א שיינע לומדישע פלפול.

דער שערי הישר האט זיי געגעבען א מתנה אויף דער זייט, אז ער האט געבויעט זיין פשעטיל און גענוצט די חידושים פון רבי משולם איגרא, מהר"ם בירב, חתם סופר, כתב סופר, די אלע זענען געווען רבנים אין די לעצטע פופציג צו הונדערט יאר אין פרשבורג.

פרשבורג איז דאן געווען א עיר ואם בישראל, און ביי דעם דרשה זענען געזעצן און זיך צוגעהערט ערנסטע תלמידי חכמים, בעלי תריסר, ווי אויך די תלמידים פון דעם בארימטע פרעשבורגער ישיבה, האבן אסאך פון זיי געזאגט ביים ענדע פון די דרשה, "וועיניג מענטשן האבן געקענט מיט האלטן", און זיי האבן מיט א שטארקע צופרידנהייט געמוזט געבן א שמייכל, זאגענדיג, "ס'קומט א פרעמדע רב און ער קען אונזערע רבי"ס תורות מער ווי אונז קענען זיי אליינס, ער האט אויפגעבויעט דאס גאנצע פשעטיל, געפרעגט און געפרעגט, און זיך מפלפל געווען נאר אויף זייערע ווערטער", דאס איז געווען זיין גדלות בתורה.

פון די נאטירליכע מדות טובות פונעם הייליגען שערי הישר מליסקא זי"ע, איז געווען דאס זעלטענע פשטות, אבער צו די וואס זענען געשטאנען דערביי איז עס געווען גאר ווינדערליך, יעדער מענטש אפילו א קינד האט געקענט צוגיין און שמועסן מיט אים, באטש ער איז געווען דער גרויסע שר התורה, וואס מצודתו פרוסה לכל העולם כולו.

איבער דער אופן ווי אזוי דער הייליגער שערי הישר זי"ע האט זיך אפגעגעבן אפילו מיט קינדער און זייערע וואוילזיין, האט אמאל זיך עס ארויסגעוויזן אויף א שטארקע אופן, געווען איז דאס איין יאר ביומא דהילולא קדישא פונעם זיידן דער הייליגער צדיק רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, א טאג וואס טויזנטער מענטשן זענען געקומען צו פארן קיין ליסקא זיך משתטח ביים ציון הקדוש.

דער הייליגער שערי הישר פלעגט ארויפגיין צום ציון פון זיין גרויסע זיידע אינמיטן טאג מיט א פיאקער, אסאך קינדער האבן זיך געוואלט אנהענגען אויפן פיאקער זיך מיטצוכאפן אינאיינעם מיט'ן רבי'ן, דער בעל עגלה אלס כבוד פון דער שערי הישר האט זיי געוואלט אראפ שיקן און פארטרייבן, דער שערי הישר ווען ער האט געזעהן וואס עס טוט זיך, האט ער זיך אנגערופן, "אויב זיי פארן נישט, דעמאלס גיי איך אויך אראפ", פארשטייט זיך דער בעל עגלה האט שוין נישט געהאט קיין ברירה און ער האט געמוזט מיט נעמען די קינדער.

ערב פסח האט דער הייליגער שערי הישר זי"ע זיך נוהג געווען זייענדיג א בכור, צו מסיים זיין א מסכת אלס 'תענית בכורים', כדי די אנדערע בכורים זאלן נישט דארפן פאסטן, אבער ער זעלבסט פלעגט פאר זיך מחמיר זיין און ער האט יא געפאסט.

פארשטייט זיך אז ווען עס איז געקומען ליל התקדש החג, צו מקיים געווען די מצוות אין אט דעם הייליגן נאכט, אכילת מצות, ד' כוסות, מרור, האט ער דאס געטוהן אויף א ליידיגן מאגן, וואס דאס האט איהם שפעטער נישט אזוי גוט אויסגעקלאפט, און ער פלעגט שטארק צו ליידן דערפון, פון דעסוועגן דאך האט ער זיך אזוי געפירט פאר לאנגע יארן.

איינמאל האט ער געהאט ביי זיך גאר א חשוב'ער גאסט, א תלמיד חכם, און א שטארקער אנהענגער פון דעם הייליגען שינאווא רב זי"ע, ווען דער גאסט האט אויפגעכאפט דעם הנהגה פון דער שערי הישר, האט ער געזאגט פארן הייליגען שערי הישר זי"ע, אז אויך זיין רבי, דער שינאווא רב, האט זיך אזוי נוהג געווען פאר עטליכע יאר זייענדיג אליינס א בכור.

אבער דער הייליגער שינאווא רב זי"ע פלעגט אויס פאסטן נאך מצות–באקן, און ער האט דאס אמאל ערקלערט, "וויבאלד אפיית מצות איז במקום קרבן פסח, קרבן פסח איז געווען א גאנצע יום טוב, מ'האט געזאגט הלל, וכו', אבער ליידער בעונותינו הרבים היינט ווען מיר האבן נישט קיין בית המקדש, באקן מיר די מצות ערב פסח נאך חצות, בין הערביים, אלס זכר צו די הקרבות קרבן פסח וואס מען האט מקריב געווען בזמן הבית, און דעריבער זאגן מיר טאקע הלל בשעת'ן באקן די מצות, ממילא איז בשעת די מצות באקן, ערב יום טוב, שוין נישט גילטיג צו דארפן מער פאסטן", האט דער איד אויס געפירט, אז דער שינאווא רב האט טאקע טועם געווען גלייך נאכן מצות באקן.

ווען דער הייליגער שערי הישר האט דאס געהערט, האט ער געזאגט, אז דאס איז א מילתא דמסתברא, און פון

דעמאלס אן האט ער טועם געווען יעדעס יאר ווען ער איז אהיים געקומען פון באקן זיינע ערב פסח מצות, און ער האט געזען דערין א געוואלדיגע שינוי לטובה, און האט יענעם גאסט שטארק מכיר טובה געווען פאר אים דערציילן דעם עובדא.

בנוגע די מופתים וואס דער הייליגער שערי הישר זי"ע האט כסדר באוויזן, האט ער דאס זעלבסט מסביר געווען פאר עטליכע מענטשן וואס זענען געקומען און געשמועסט דערוועגן, און ער האט געזאגט, "אוודאי האב איך נישט דער כח ווי דער זיידע, דער הייליגער אך פרי תבואה, צו א צאנזער רב, צו א בעלזא רב, אונז זענען פארט אביסל שוואכער, נאר אונז ווינטשן און אמאל העלפט דער אויבערשטער געלונגט עס", דאס איז געווען א עניוות ווייל ער האט דאס נישט געוואלט תולה זיין אין זיך.

ביי א אנדערע געלעגענהייט האט דער צדיק דער הייליגער שערי הישר זי"ע געזאגט לגבי די אלע מופתים און ישועות וואס ער פועלט בזה"ל, "דער אמונה פון די אידן וואס גלייבן אין באשעפער, אין דער זכות העלפט, אונז פרובירען זיך צו פירען על פי התורה".

עס פלעגט יענע צייט פונעם הייליגען שערי הישר זי"ע אויס ברעכען אין אסאך שטעט און שטעטליך פארשידענע מחלוקות'ן איבער די רבנות צו וועם דאס געהערט אדער ווער עס ירש'נט דעם רב וואס איז נסתלק געווארן, אד"ג.

דער הייליגער שערי הישר ווען ער פלעגט אנקומען צו א לוי', האט ער באלד געפרעגט, "וואס טוט זיך, מ'האט שוין אויף געגומען א ממלא מקום", און אויב האט מען שוין געהאט דערמאנט ביים לויה איבער א נאכפאלגער, האט דער שערי הישר דאס איבער גע'חזר'ט ביי זיין אייגענע הספד, כדי צו מאכן זיכער אז עס זאל נישט צו קומען צו קיין מחלוקות.

ווען מען האט איהם געענפערט אז מען האט נאך נישט אויסגערופן ווער עס גייט ערפילן דעם ליידיגן רבנות זיין, האט דער שערי הישר גענומען אויף זיך דעם תפקיד און אויסגערופן ביי זיין הספד אז מ'האט אויפגענומען א ממלא מקום, ס'איז געווען עטליכע פעלער אז די ראשי הקהלה האבן נישט געקענט מחליט זיין איבער א ממלא מקום, אדער צוליב א שטיקל ראבעריי, פלעגט צו זיין אזא ווערטל, "דער ליסקא רב גייט אנקומען וועט ער שוין מאכן סדר".

אט האט דאס פאסירט אין דער ווירקליכקייט, אז דער שערי הישר איז אמאל אנגעקומען צו א לוי', האט ער געפרעגט ווי זיין שטייגער, "וואס טוט זיך מיטן כסא הרבנות", האט מען איהם געענטפערט, אז עס איז נאכנישט מוחלט דאס ענין, דער שערי הישר האט געפרעגט, "וואס הייסט ס'נאכנישט קלאר, ער האט דאך איבער געלאזט א זוהן וואס איז ראוי לאותו איצטלא", דער שערי הישר נאכן זיך נאכפרעגן האט אנגעזעהן, אז דאס נישט אויפנעמען דעם זוהן איז צוליב נישטיגע קנאה שנאה.

האט ער זיך אויפגעשטעלט מספיד זיין, דערביי אויסגערופן אז דער פארזאמעלטע עולם זאל ווינטשן מזל טוב צו דעם נייעם רב, דער זוהן וואס איז ראוי צו זיצן אויפן טאטנס בענקל, דעם שערי הישר'ס ערענטליך און פראקטישע צוגאנג צו דעם האקעלע נושא פון אויף נעמען א נייע רב פאר א שטעטל, וואס האט געקענט זיין פארמישט מיט מחלוקות אינערהאלב די קהלה אדער משפחה געפעכן, אד"ג, האט אים געמאכט באקאנט אלס איינער וואס האט דער פארשטאנד און ריכטיגע צוגאנג צופרינצושטעלן ביידע צדדים, זייענדיג דער גרויסער אוהב שלום ורודף שלום.

דער הייליגער שערי הישר האט נישט געקענט דערליידן ווען א רבנות בענקל בלייבט ליידיג, צוליב א געפעכט וואס איז אינדרויסן פון די ראמען פון א דין תורה, דעריבער האט ער גענומען די דרייסט אויסצורופן הויעך ביי זיין הספד דער נייע ממלא מקום, כמעט אין רוב שטעטלעך האט זיך ביי דעם גענדיגט די קעגענגעזעצטע דיפערענצן, און דאס אלעס האט דער צדיק וקדוש געטון נאר צו מאכן שלום צווישן אידן, ווי חז"ל זאגן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מַרְבִּים שָׁלוֹם בָּעוֹלָם.

אינדערהיים אין אונגארן איז געווען א דבר מפורסם וידוע, אז דער הייליגער שערי הישר, ווי זיינע אבות הקדושים, האט זיך מוסר נפש געווען צו פועל'ן ישועות פאר אידישע קינדער, מען דערציילט איבער דעם א דבר נורא, איינער האט אמאל געפרעגט דעם שערי הישר, "וואס איז דער חילוק צווישן א רבי און א רב", האט ער געענטפערט בשם זיין הייליגן זיידן רבי הערשעלע ליסקער זי"ע, צו זיין א רב דארף מען מוותר זיין אויפ'ן עולם הזה, צו זיין א רבי דארף מען מוותר זיין אויך אויף עולם הבא!", די תשובה פונעם שערי הישר איז נישט געווען אומזיסט, ער איז געווען דערביי, ער איז גרייט געווען זיך אוועקצוגעבן פאר א צווייטן איד בלב ובנפש בגוף ובנשמה.

א פלא והפלא איז, אז אלס יונגער יונגערמאנטשיק זענען אידן שוין געהאלפן געווארן מיט מופתים וישועות דורך זיינע תפלות, נאך אלס רב אין שטעטל גאווע איז ער אמאל געפארן צו א חתונה פון זיינ׳ס א תלמיד, און זייענדיג אין יענעם פרעמדען שטאט, קומט צו אים צו אן אלטער ליסקער חסיד, מיט א קוויטל און פדיון אז זיין ווייב איז ל״ע געלעמט געווארן אויף דער לינקער זייט און דארף גרוים רחמים,

דער הייליגער שערי הישר האט דעם חסיד אנגעקוקט און געפרעגט מיט א תמימות, "פאר מיר געסטו א קוויטל, איך בין קוים געווארן א רב, איך וויים גארנישט פון רביסטעווע צו זאגן, אז איר זענט א ליסקער חסיד פארט קיין ליסקא צו מיין פאטער דער טל חיים".

אבער דער עלטערער חסיד האט זיך גענומען איינ׳טענה׳ן און געזאגט, "איך בין נאך געפארן צו אייער זיידן דער הייליגער אך פרי תבואה, איך בין גענוג געפארן צו אייער טאטן דער טל חיים, אבער איצט בין איך שוין אלט, איך דארף באדינען א קראנקע ווייב און איך האב נישט קיין כח צו פארן קיין ליסקא, איך בין מאמין באמונה שלימה, אויב דער זיידע און טאטע האבן געקענט העלפן, קען דער אייניקל אויך".

דער גאווע רב דער הייליגער שערי הישר זי״ע האט אים געענטפערט, אויב איר האט טאקע אזא אמונת צדיקים, מיט אמונה קען מען אלעס פועל׳ן", כך הוה, דאס ווייב פון דעם איד איז געזונט און שטארק געווארן כאחד האדם, און זינט דעמאלט איז דער נאמען פונעם יונגען גאווע רב ארוים אלס "גוטער איד" און מען האט שוין דעמאלט, נאך בחיים חיותו פון זיין פאטער דער טל חיים זי״ע, א יונגערמאן אין די צוואנציגע יארן! אנגעהויבן מוטשען און דערקוטשען נאך ברכות וישועות,

דער באקאנטער גאון וצדיק פון אונזער דור, דער ראדאמישלער רב פון לאנדאן הגה״צ רבי אלחנן האלפרין זי״ע, וועלכער האט איידער די קריג געוואוינט אין קאשוי, האט דערציילט, אז אין קאשוי איז געווען א אידישע פארפאלק וואס האט זיך נישט געפירט אזוי ערליך, דאס פארפאלק האט לאנגע יארן נישט געהאט קיין קינדער, זענען זיי געפארן קיין ליסקא צום הייליגען שערי הישר זי״ע זיך מזכיר זיין, האט דער ליסקער רבי זיי מבטיח געווען, אז אויב זיי נעמען זיך אונטער צו פירן ערליך וועלן זיי געהאלפן ווערן מיט א בן זכר,

כך הוה, נישט לאנג נאכדעם זענען די פארפאלק געהאלפן געווארן מיט א אייגעלע און דער לאנדאן־ראדימישלער רב זי״ע האט געדענקט, ווי דער הייליגער שערי הישר איז געקומען קיין קאשוי אויף סנדקאות, וואס איז געווען דאס איינציגסטע מאל ווען רבי אלחנן זי״ע האט אים זוכה געווען צו זען.

אמאל בעפאר פסח איז אריין געקומען צום צדיק דער הייליגער שערי הישר זי״ע א איד און געוואלט אריינגיין צום רבי׳ן, זאגט אים דער גבאי אז דער רבי לערנט יעצט פאר דעם שיעור פאר די בחורים אין ישיבה, און נאכדעם וועט ער קענען אריינגיין, דער איד האט געווארט, און נאכ׳ן שיעור איז ער אריין און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ, אז ער האט א געשעפט פון סחורה (קליידונג מאטעריאל), אבער לעצטנס ברענגט דאס געשעפט נישט קיין פרנסה, און ער וויל פארשפארן דאס געשעפט,

זאגט אים דער הייליגער שערי הישר זי״ע, אויפגעבן דאס געשעפט זאלסטו נישט, ווייל ווילאנג דאס געשעפט איז אפן קענסטו גרינגער באקומען קרעדיט, "איך הייס דיר, מיט דעם קרעדיט זאלסט מער נישט איינקויפן קיין קליידונג, נאר ענדערש איינקויפן וויין־פעסער".

עס איז דעם איד געווען א וואונדער, ווייל ער איז בכלל נישט געווען אין די ליניע פון וויין־פעסער, אבער אז דער רבי הייסט איז ער אהיימגעפארן און זיך גענומען בארגן געלט, און ווי דער רבי האט געזאגט, זייענדיג א געשעפט אייגענטומער האבן מענטשן אים געטרויעט און געבארגט, און מיט׳ן געלט איז ער געפארן אין מארק, לפלא ווי נאר ער קומט אן אין מארק לויפט אים נאך א גוי און טראגט אים אן צו קויפן א גרויסע צאל וויין־פעסער, עס האט אויסגעזען ווי דער גוי איז אזוי פארצווייפלט צו פארקויפן די פעסער, ווייל ער האט דאס פארקויפט פאר חצי בחנם ממש,

דער איד ברענגט אהיים די פעסער אוןווארט א חודש צוויי, אבער קיינער קויפט דאס נישט, און דא דרוקן די בעלי חובות, קומט ער ווידער צום ליסקער רבין און באקלאגט זיך אז קיינער וויל נישט קויפן די פעסער, זאגט אים דער רבי מיט וואונדער, פארקויפן? איבערהויפט נישט, דו האלט נאר די פעסער ביז׳ן קומענדיגן וויין־לעזן סעזאן און דאן וועט די ישועה קומען כהרף עין,

ארויסגעשטעלט האט זיך, אז ביים קומענדיגן סעזאן פון טרויבן שניידן, אז יענעם יאר איז געוואקסן א ריזיגער קוואנטום טרויבן, פיל מער ווי אין א געווענליך יאר, די וויין מאכער האבן פשוט נישט געטראפן גענוג פעסער פאר'ן וויין, און דער איד האט פארקויפט אלע זיינע פעסטער פאר'ן דאפלטן פרייז, און פון היינט אויף מארגן איז ער געווארן א גרויסער עושר, אלסע מיט זיין גרויס אמונת צדיקים, און דורך די ברכה פונעם הייליגען צדיק וקדוש דער שערי הישר זי"ע.

דעם נאמען פונעם צדיק וקדוש דער הייליגער שערי הישר זי"ע אלס בעל מופת איז געווען צעשפרייט סיי צווישן אידן און סיי צווישן, להבדיל, גוים, עס האט אמאל פאסירט, אז א גוי איז דערטראנקען געווארן אינעם טייך נעבן ליסקא, איז די משפחה געקומען צום צדיק דער הייליגער שערי הישר זי"ע און געבעטן זיין ברכה מען זאל טרעפן דעם קערפער פונעם גוי, מען זאל אים כאטש קענען באערדיגן,

דער הייליגער שערי הישר האט באפוילן מען זאל נעמען א "מילטער", וואס איז עפעס א כלי וואס קען שווימען אויפן וואסער, און דאס לאזן שווימען אויפ'ן וואסער, און דארט וואו ס'וועט זיך אפשטעלן זאל מען זוכן דעם קערפער פונעם גוי, אזוי איז טאקע געווען, מען האט דארט געטראפן דעם קערפער, און די גאנצע שטאט האט גע'רעש'ט פון דעם מופת פונעם אידישן "ראבינער".

דער הייליגער שערי הישר זי"ע איז געווען פון די צדיקים וועלכע האבן פאראויס דערשפירט דעם גרויסער אומגליק וואס קומט אויף כלל ישראל, בעפאר דעם צווייטע וועלט מלחמה,

זיינ'ס א חסיד, הרה"ח ר' וואלף צייזלער ז"ל האט דערציילט, אז ער האט אמאל באגלייט זיין רבי'ן דער הייליגער שערי הישר זי"ע אויף א נסיעה צו די גרויסע שטאט בערלין, אין דייטשלאנד, וואו אהין ער איז געפארן צו היילן זיין רביצין ע"ה וועלכע איז נישט געווען געזונט, זייענדיג דארט האט מען אים מכבד געווען מיט א דרשה שבת נאכמיטאג, אין איינע פון די הויפט שוהלן, זייענדיג בארימט אלס בעל דרשן מפואר, מיט זיין גרויסן כח פון זאגן דרשות,

ער האט טאקע געהאלטן א דרשה נפלאה, בפלפול ואגדה וואס האט יעדן באגייסטערט, אינמיטן די דרשה האט דער הייליגער שערי הישר זי"ע זיך גענומען שרייען, אז ער מוז זאגן וואס ער שפירט, און דער צדיק האט געזאגט בזה"ל, "איך שפיר אז פון די שטאט גייט ארויס א שרעקליכע כח הטומאה וואס איז נישט גוט פאר אידן", און דאס אלעס איז געווען אין זעלבן יאר ווען דער צר הצורר היטלער ימ"ש איז געקומען צו די מאכט, און קיינער האט זיך נאכנישט פאר געשטעלט, אז פון בערלין גייט ארויס גיין אזא גזירה נוראה גזירה להשמיד ולהרוג ולאבד את כל היהודים ר"ל,

גלייך נאכ'ן אויסברוך פון די צווייטע וועלט קריג, אלול בשנת תרצ"ט, ווען דאס דייטשע מיליטער האבן אריינגעדרונגען אין פוילן, און אנגעהויבן חרוב מאכן אידישע קהלות, איז דער הייליגער שערי הישר זי"ע געווארן אזוי בצער, אזש זיין פנים איז פארשווארצט געווארן,

אנדערש ווי פילע אונגארישע אידן וועלכע האבן נישט געגלויבט וואס גייט פאר אין שכנות'דיגן פולין, האט רבי הערשעלע ליסקער השני מרגיש געווען די גרויסע סכנה אין וועלכע כלל ישראל געפינט זיך, ער האט נישט אויף געהערט וויינען אויפ'ן גרויסן אומגליק וואס האט באטראפן דעם פולישן אידענטום און מתפלל געווען כסדר פאר'ן וואוילזיין פון אידישע קינדער,

זינט יענעם חודש אלול איז דער הייליגער שערי הישר זי"ע מער נישט געשלאפן אין קיין בעט, ביז זיין לעצטן טאג, נכדו כ"ק אדמו"ר מהינבוב שליט"א דערציילט וואס ער האט געהערט פון זיין פאטער, כ"ק אדמו"ר רבי יוזפא מליסקא זי"ע, וועלכער האט דערציילט, אז גאנ'ץ ביים אנהויב פון די קריג, האט ער איינמאל געזען ווי זיין פאטער איז איין קאלטע ווינטער נאכט אויפגעשטאנען קורץ נאכדעם וואס ער איז זיך געגאנגען לייגן שלאפן, ער האט אנגעהאט זיין לייכטע שלאף מלבוש און זיך געשטעלט ביי די טיר ביי די מזוזה און געזאגט ווי פאלגנד,

"רבונו של עולם, ווי אזוי קען איך שלאפן אין א ווארעמע בעט אז אין פולין רודפ'ט מען אידן, ווי קענסטו לאזן די וועלט אזוי אנגיין, מיר אידן ליידן אלע ערליי יסורים, זיי זיך מרחם אויף כלל ישראל", און אזוי איז ער געשטאנען ביי די מזוזה און אויסגעגאסן זיין הארץ צו השי"ת א לאנגע צייט,

ביי די טישן וואס ער האט געפירט אין די ביטערע צייטן פון די צווייטע וועלט קריג, איבערהויפט ביי שלש

סעודות, פלעגט ער פארגיסן טייכן טרערן אויף די ביטערע צרות, ער האט איינגעריסן מ'זאל מעורר רחמים זיין פאר פוילישע אידן וואס ווערן געפירט ווי שאף צו די שחיטה.

און אין די זעלבע צייט געריפן צום עולם, אז אויך אונגארישע אידן טארן נישט זיצן מיט פארלייגטע הענט, מען מוז זוכן וועגן פון הצלה, צו אנטלויפן צו א פארזיכערטע ארט, אבער ער דער צדיק אליין האט נישט געוואלט הערן פון אנטלויפן, טראץ וואס ער האט געהאט די מעגליכקייט דערצו, ווייל ער האט נישט געוואלט פארלאזן זיין עדה הקדושה.

אין יאר תש"ד ווען די שווארצע וואלקנס האבן זיך באוויזן העכער אונגארן, אבער אונגארישע אידן זענען נאך אלץ געבליבן פאסיוו, מיט א זעלבסט-איינרעדעניש אז צו זיי וועט גארנישט פאסירן, האט אבער דער הייליגער שערי הישר זי"ע איינמאל אין א שלש סעודות תורה געזאגט מוראדיגע ווערטער, "די אלע צרות זענען דאך נסיונות, דער אויבערשטער וויל אידן זאלן תשובה טון, מ'וועקט פון הימל, אבער ליידער ליידער, אידן וועקן זיך נישט אויף פון שלאף".

און דאן האט דער הייליגער צדיק וקדוש דער שערי הישר זי"ע געזאגט, "עס דערמאנט מיך די מעשה פון א איד ר' זלמן ביי אונז אין שטאט גאווע, דאס שטעטל וואו איך בין געווען רב איידער ליסקא.

אין שטעטל גאווע האבן אלע אידן געוואוינט אויף איין לאנגע גאס, יעדעס יאר אין די נאכט פון א' סליחות ווען דער שמש פלעגט ארומגיין קלאפן אויף די טירן און פענסטער צו אויפוועקן דעם עולם צו סליחות, האט ער אנגעהויבן פון אויבערשטן מארק, און אזוי געגאנגען אראפ די גאס ביז ער איז אנגעקומען אין שול, וואס האט זיך געפונען ביים עק פון שטעטל, ביים אונטערשטן מארק.

דער שמש פלעגט עטליכע מאל קלאפן מיט זיין דיקן שטעקן אויפ'ן טיר פון יעדן אידישן הויז, צוויי-דריי מאל האט ער א שריי געגעבן, "אידן שטייט אויף צו סליחות", און געגאנגען צום נעקסטן הויז, נאכ'ן ענדיגן די גאנצע גאס איז ער אנגעקומען אין שול וואו ער האט געקלאפט מיט זיין שטעקן אויפ'ן טיש פונעם פאליש דריי מאל, אלס סימן אז ער האט שוין אויפגעוועקט אלע בעלי בתים אין גאווע, און גלייך ווי מען האט געהערט אין שוהל דעם סימן, האט מען אין שוהל אנגעהויבן זאגן סליחות.

האט איינמאל פאסירט, אז דער שמש האט אויפגעוועקט דעם עולם א' סליחות ווי זיין שטייגער, אבער ר' זלמן וועלכער האט געוואוינט נעבן די שול איז ווייטער געשלאפן, ער איז געשלאפן זייער טיף און נישט דערהערט דאס קלאפעריי פונעם שמש, ווי אויך נישט זיין באסאווע שטימע וואס האט געשריגן "שטייט אויף צו סליחות", זיין פרוי האט אבער יא געהערט די קולות פונדערווייטנס, האט זי געשריגן צו איר מאן, "זלמן זלמן, שטיי שנעל אויף, מ'וועקט שוין צו סליחות".

אבער זלמן איז געשלאפן צו באקוועם און ס'האט אים אינגאנצן נישט געגלוסט אויפצושטיין, האט ער א פרעג געטון זיין ווייב, "זאג מיר נאר וואו דער שמש האלט, ביי וועלכן הויז קלאפט ער יעצט", זיין פרוי ענטפערט אים, "ביי ר' דוד", ענטפערט ר' זלמן, "נו מילא, כ'האב נאך צייט אויפצושטיין, און גלייך דרייט ער זיך איבער אויף זיין בעט אויף די צווייטע זייט, קלערנדיג ביי זיך, "מען קלאפט טאקע, אבער ס'איז נאך ווייט".

"דאן הערט ר' זלמן ווי זיין פרוי שרייט ווייטער, "שטיי אויף שנעל, מ'קלאפט שוין זייער נאנט צו אונזער שטוב", אבער ר' זלמן איילט זיך ווייטער נישט אויפצושטיין, עס איז נאך דא צייט, אינצווישן דערנענטערט זיך שוין דער שמש צום נעקסטן שטוב, און זיין פרוי מאכט א גרויסן רעש, ,זלמן שטיי אויף, מ'קאלפט שוין ביי שכן".

אבער ר' זלמן איז נישט פון די פחדנים, ער דרייט זיך ווידער אויף די אנדערע זייט און זינקט איין אין א גאר טיפן שלאף, אזוי טיף אז ער הערט ניטאמאל ווי מ'קלאפט שוין אויף זיין אייגענעם טיר, און די געוויינען און געשרייען פון זיין פרוי "זלמן מ'קלאפט שוין ביי אונז עס איז מורא'דיג שפעט", אבער דער ר' זלמן שלאפט זיך ווייטער רואיג מיט זיסע חלומות.

זיין פרוי, זעענדיג אז עס גייט נישט, האט זי אראפ געשלעפט די דאכענע פון אים, און שאקלט אויף דאס בעט מיט קולי קולות, "זלמן זלמן, שטיי אויף צו סליחות, דער שמש איז שוין דורכגעגאנגען די גאנצע גאס, ער איז שוין אין שוהל", דעמאלט וועקט זיך ר' זלמן ענדליך אויף, ער שפרינגט ארויס פון בעט טוט זיך שנעל אן און לויפט אין שוהל, אבער ער האט שוין פארשפעטיגט די צייט, ער איז שוין אנגעקומען צום לעצטן יתגדל",

דא האט דער ליסקער רבי דער הייליגער בעל שערי הישר זי"ע אויף געהויבן זיין שטימע מיט א געשריי, "מ'האט געקלאפט אין דייטשלאנד, און מיר זענען געבליבן שלאפן, מ'האט געקלאפט אין עסטרייך, נישט ווייט פון אונז, און מיר האבן זיך איבערגעדרייט אויף די צווייטע זייט, מ'האט געקלאפט אין פוילן, מ'האט געקלאפט ביי אונזער שכן סלאוואקיי, אבער מיר האבן ממשיך געווען צו שלאפן רואיג,

איצט שטייט שוין דער שטן המשחית אונטער אונזער טיר, מ'קלאפט שוין ביי אונז!, אבער מ'וועקט זיך נאך אלץ נישט אויף, מ'שלאפט ווייטער א טיפן שלאף, איך האב מורא, מיין הארץ איז פול מיט שרעק, אז דורכ'ן שלאפן וועלן מיר פארשפעטיגן, און מיר וועלן אנקומען שוין צום לעצטן יתגדל", ליידער כך הוה, נישט לאנג דערויף האט זיך פארשפרייט די שמועה ווי א דונער אינמיטן העלן טאג, אז די נאציס ימ"ש האבן איין גענומען אונגארן.

זייענדיג אין געטא האט דער הייליגער שערי הישר זי"ע ווייטער געפירט זיין עבודת הקודש ווי ווייט מעגליך, ער האט געפראוועט שלש סעודות און געזאגט תורה בהתעוררות גדול, איינמאל האט ער נאך געזאגט פונעם הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע, אז בעפאר משיח צדקינו וועט קומען, וועט זיין א תקופה וואס נישט נאר וועלן נישט זיין קיין תשובות אויף די שאלות, נאר מען וועט אפילו נישט וויסן וויאזוי צו פרעגן שאלות".

דער הייליגער שערי הישר זי"ע האט אין געטא ווידער געהאט א געלעגנהייט זיך צו ראטעווען, ווייל מען האט געשיקט אן אונגארישן אפיציר מיט גלח'ישע קליידער אים ארויסצונעמען פון געטא, ער האט אבער נישט געוואלט גיין, נישט וועלענדיג איבערלאזן זיין משפחה און זיין קהלה,

סוף חודש אייר ווען ס'איז אנגעקומען דער ביטערער טאג און מען האט דעפארטירט דעם הייליגען שערי הישר זי"ע, צוזאמען מיט כמעט זיין גאנצע משפחה, קינדער און אייניקלעך, קיין אוישוויץ, איז דער הייליגער שערי הישר זי"ע נישט ארויף אויפ'ן וואגאן איידער ער האט זיך געגרייט מיט א הכנה דרבה קדושה ונוראה, בעת אנדערע האבן פרובירט ארויפצושמוגלען אויפ'ן באן פארשידענע לעבנס-וויכטיגע חפצים, האט דער הייליגער שערי הישר זי"ע מיט גענומען אויפ'ן וועג בלויז צוויי זאכן: 1) תכריכים און 2) א פלעשל וויין פאר קידוש והבדלה,

דער באן איז אנגעקומען אין אוישוויץ שבת צופרי, און דער ליסקער רבי זי"ע האט נאך געמאכט קידוש אויפ'ן וויין, אבער מען האט קיינעם נישט ארויסגעלאזט פון באן ביז נאכמיטאג, ווייל פילע באנען זענען אנגעקומען פריער יענעם טאג, אינמיטן טאג זענען די קליינע קינדער אויפ'ן באן געווארן זייער דורשטיג, האט דער ליסקער רבי ארויס גענומען דאס פלעשל וויין פון טאש און זיי געגעבן צו טרונקען, זאגענדיג, "מען וועט דאס שוין סיווי מער נישט דארפן", כך הוה, ווען מען איז ארויס געקומען פון באן האט מען זיי גלייך גענומען צו די גאז קאמערן,

גלייך ביים אויסשטייגן פונעם באן, האט דער ליסקער רבי זי"ע זיך גלייך גענומען גרייטן צו גיין על קידוש השם בדחילו ורחימו, ער איז געשטאנען פעלזן פעסט מיט הייליגע מחשבות און מחזק געווען די ארומיגע אידן, מען זאל זיך ח"ו נישט מייאש זיין ביז די לעצטע רגע, שטייענדיג אין די רייע אריינצוגיין צו די גאז קאמערן, האט ער זיך אנגערופן הויך צו די ארומיגע, "אין די לעצטע רגעים פון א מענטש קלוגט זיך דער יצר הרע אים איבערצורעדן מען זאל זיך חלילה אפרייסן פון הקב"ה, דעריבער דארף זיך יעדער יעצט שטארקן צו בלייבן ביי די ריינע אמונה ביז צום לעצטן אטעם",

אינעם בוטערן טאג "זך" אייר בשנת תש"ד, האט דער הייליגער ליסקער רבי זי"ע, הי"ד אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה "זך וטהור" אין אוישוויץ, צוזאמען מיט זיינע דריי הייליגע קינדער, ר' שמעון, ר' חיים און ר' אברהם זי"ע, און זייערע משפחות הי"ד, מיט רחמנות פון השי"ת זענען עטליכע פון זיינע קינדער און אייניקלעך ניצל געווארן בדרך נס, צווישן זיי זיין זון כ"ק הגה"צ רבי יוזפא פריעדלענדער זי"ע, וועלכער האט ממשיך געווען מיט אדמורו"ת ליסקא, ביז זיין הסתלקות אין עלטער פון 53 יאר ביום כ"ח שבט בשנת תשל"א,

**יארצייט**
**מאנטאג כ״ח אייר**

**הרה״ק רבי יחזקאל שרגא ב״ר שלמה יהודה זי״ע, הי״ד, (וויינבערגער), אב״ד פאיע,**

ער איז געבוירן אין שטאט ניר באגאד, בשנת תרס״ב,

צו זיין טאטן הרה״ק רבי שלמה יהודה לייב וויינבערגער אב״ד ניר באגאד זי״ע,
בן הרה״ק רבי שמואל וויינבערגער מסוואליווע זי״ע,
בן הרה״ק רבי מנחם מאניש פרענקיל תאומים וויינבערגער מבראד זי״ע,
נכד הגה״ק רבי יונה תאומים בעל קיקיון דיונה זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת טויבא ע״ה, הי״ד,
בת הרה״ק רבי אברהם יצחק טערקעלטויב ממונקאטש זי״ע,

ער האט דעם נאמען יחזקאל שרגא באקומען נאכן הייליגען צדיק דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי״ע,

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א גאון עצום בתורה, ער איז געווען מפורסם אלס א עובד השם במסירת נפש ממש, ער האט זיין גאנץ לעבן געדינט דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע תמימות, ער איז שוין יונגערהייט געווען באוויסט אלס א גאון און א איש קדוש מאוד, און ער האט עוסק געווען בתורה פון זיין יוגענט מיט א געוואלדיגע התמדה, דער גאון וצדיק האט מרביץ תורה געווען מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבענקייט פאר הונדערטער תלמידים גאונים בתורה, ער איז געווען מקושר צו רוב צדיקי הדור וואס האבן דעם צדיק גאר שטארק מעריך און מכבד געווען,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת חיה דרעזיל ע״ה, הי״ד,
בת יחידה פון הרה״ק רבי יהושע העשיל לאנדא אב״ד וויטקא / נירעדהאז זי״ע, הי״ד,

נאך די חתונה איז ער געבליבן אויף קעסט ביי זיין שווער, ער האט דארט ווייטער עוסק געווען בתורה ועבודה מיט א געוואלדיגע התמדת התורה, אויך זיין עבודת התפלה איז געווען מיט א געוואלדיגע קדושה, ער האט שוין דארט אין נירעדהאז געלערנט מיט תלמידים און מרביץ תורה געווען מיט זיין גאנצן כח,

במשך פון אפאר יאר האט מען דעם יונגען גאון געבעטן צו ווערן רב אין שטאט פאיע, אבער ווייל די רעבעצין איז געווען די בת יחידה פון זיין שווער, האט דער שווער נישט געהאט קיין חשק אז דער איידעם זאל זיך אוועק ציען, און דערפאר איז דער גאון געבליבן זיצן אויף קעסט ביים שווער,

בשנת תר״ץ איז הרה״ק רבינו יואל מסאטמאר זי״ע געווען אין שטאט נירעדהאז, און ער האט דעם שווער געבעטן אז ער זאל דעם איידעם לאזן גיין קיין פאיע, וויבאלד ער האט געוואלדיגע כשרונות און ער קען מרביץ תורה זיין דארט פאר אסאך תלמידים, דאן האט די שווער מסכים געווען און ער איז געווארן רב אין פאיע וואס איז נאנט צו מאטע סאלקא און אויך צו סאטמאר,

ווען ער איז אנגעקומען קיין פאיע האט ער דארט אויף געשטעלט א ישיבה, און די ישיבה איז גאר שנעל געוואקסן און געווען פון די גרעסטע ישיבות אין אונגארין, עס איז געווען צייטן וואס דארט האבן געלערנט איבער 300 תלמידים, פון דארט זענען ארויס תלמידים גרויסע תלמידי חכמים און גאונים,

ער האט דארט אין זיין ישיבה פאר געלערנט אסאך שיעורים פאר זיינע תלמידים, און דאס איז געווען חוץ פון זיינע אייגענע שיעורים וואס ער האט נישט נאכגעלאזט אפילו זייענדיג פארנומען מיטן ישיבה, דער גאון איז געווען א סימבאל פאר זיינע תלמידים וואס עס הייסט אמת׳ע התמדת התורה, ווען די בחורים האבן געזען דעם רב דער גאון זיצט און איז אריין געטון אין לערנען ווי א יונגער בחור מיט א געוואלדיגע התמדה,

מען האט דארט געלערנט גמרא רש״י תוספות סיי בעיון און סיי שיעור פשוט, אויך האט ער יעדן זמן געלערנט באטש צוויי סוגיות, און פאר געלערנט שיעורים אין שו״ע או״ח יור״ד, די שיעורים זענען געגעבן געווארן מיט א געוואלדיגע התלהבות, און ער האט פרעזענליך פארהערט די תלמידים יעדע וואך,

די בחינות איז צו געגאנגען מיט א געוואלדיגע אהבה, ער האט געמאכט זיכער אז א תלמיד זאל ח״ו נישט פארשעמט ווערן אויב מען האט נישט געקענט, און מדה

טובה מרובה, אויב א בחור האט גוט געקענט האט דער גאון געקענט א קיש געבן דעם בחור, ווייל עס האט געהערשט א געוואלדיגע אהבה צווישן דעם ראש ישיבה און זיינע תלמידים,

ער האט צוויי מאל א וואך געגעבן א חימוש רש״י שיעור צווישן מנחה און מעריב מאנטאג און דאנערשטאג, און אויך צו געלייגט מוסר פונעם ספר מאור ושמש, מוצאי שבת קודש האט ער מיט די בחורים געלערנט דעם ספר תנא דבי אליהו, און אזוי האט דער גאון אריין געלייגט אהבת התורה און יראת שמים אין זיינע געהויבענע תלמידים,

ז׳ אדר פלעגט ער פארן מיט אלע תלמידים יעדעס יאר קיין קאלוב, צום יארצייט פון הרה״ק רבי אייזיק׳ל מקאלוב זי״ע, און אפילו ווען עס איז שוין געווען א סכנה וועגן די מלחמה איז ער מיט מסירת נפש געפארן צום יארצייט קיין קאלוב,

ער איז געווען א תלמיד חביב פון הרה״ק רבי אברהם שלום הלברשטאם מסטראפקוב זי״ע, אויך איז ער געווען א חסיד מובהק פון הרה״ק רבינו יואל מסאטמאר זי״ע, און ער פלעגט פארן מיט די בחורים אויף שבת ווארא יעדעס יאר קיין סאטמאר, אויך ווען דער סאטמאר רבי איז געווען אין אונגארין שפעטער איז ער געפארן מיט די תלמידים זיך מסתופף זיין בצלו,

בשנת תרצ״ט ווען די שטאט סאטמאר איז געווארן א חלק פון אונגארין האט דער סאטמאר רבי געבעטן דעם גאון, אז ער זאל ווערן פון די עסקנים וואס ער האט דורך זיין געוואלדיגע חכמה און יראה אסאך עוסק געווען לטובת הכלל,

אפילו שפעטער ווען די צווייטע וועלט מלחמה האט זיך אנגעהויבן און רוב ישיבות אין אירופה האב זיך ליידער געמיזט פארמאכן, איז די ישיבה געבליבן אפען ממש מיט ניסים, אז די מלוכה דארט אין פאיע האט זיך מעלים עין געווען פון די ישיבה,

און אפילו מיט די צרות וואס זענען דאן אן געגאנגען פאר די אידן, האט דער גאון ווייטער מרביץ תורה געווען פאר זיינע תלמידים מיטן גאנצן כח, פון די שטעט ארום זענען בחורים געקומען דארט לערנען, דאס איז אן געגאנגען ביז די רשעים די נאצים ימ״ש האבן אויף געשטעלט די געטוי בשנת תש״ד,

בשנת תש״ד האט מען ליידער אוועק געפירט אלע אידן פון די שטאט פאיע צום געטוי מאטא סאלקא, און דער צדיק איז געפארן מיט אלע זיינע תלמידים, שפעטער האט מען ליידער געפירט די גאנצע געטוי קיין אוישוויץ,

לדאבון לב איז דער צדיק אומגעקומען זייענדיג 41 יאר אלט צוזאמען מיט רוב פון זיינע קינדער און תלמידים אויף קידוש השם כ״ח אייר מ״ג בעומר בשנת תש״ד אין אוישוויץ, הי״ד,

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד׳ ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב״א.

בחסדי השם איז איבער געבליבן איין קינד הרה״ק רבי משה דוב וויינבערגער אב״ד פאיע זי״ע, וואס איז נאך די מלחמה אריבער קיין אמעריקע און זיך באזעצט אין וויליאמסבורג, און דארט האט ער אויף געשטעלט א ישיבה און ביהמ״ד על שמו פון זיין טאטע זי״ע, הי״ד,

אויך איז דער זוהן רבי משה דוב זי״ע געווען גאר נאנט מיט הרה״ק רבינו יואל מסאטמאר זי״ע דא אין אמעריקע און געווען א בן בית ביים רבין, אויך איז ער געווען געבענטשט מיט א געוואלדיגע זכרון און אסאך מעשיות און מנהגים פונעם סאטמאר רבין האט ער מפרסם געווען,

הרה״ק רבי משה דוב זי״ע האט איבער געלאזט חשובע קינדער ובתוכם,
הגה״צ רבי שלמה לייב וויינבערגער שליט״א חבר בד״ץ סאטמאר, און ממלא מקום אביו אב״ד פאיע,
הגה״צ רבי שמעון יואל וויינבערגער שליט״א, חתן הרה״ק מסקולען זי״ע און דומ״ץ סקולען,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט**
**דינסטאג כ"ט אייר**

**הרה"ק רבי מאיר ב"ר אהרן ארי' לייב זי"ע,**
**(לייפער), בעל דברי מאיר, מפרמישלאן,**

ער איז געבוירן אין שטאט פרעמישלאן, בשנת תקמ"ג,

צו זיין טאטע הרה"ק רבי ארון ארי' לייב מפרמישלאן זי"ע,
בן הרה"ק רבי מאיר הגדול מפרמישלאן זי"ע,
בן הרה"ק רבי יעקב איש תם מפרמישלאן זי"ע,
בן הרה"ק רבי דוד זי"ע,
בן הרה"ק רבי משה השרף זי"ע,
ולמעלה בקודש ביז הגה"ק רבי יצחק מקורביל בעל הסמ"ק ושו"ת מן השמים זי"ע,
דער זיידע רבי מאיר הגדול זי"ע האט געשטאמט פון צדיקים וקדושים וואס האבן זוכה געווען צו גילוי אליהו,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת יענטא ע"ה,

די טאטע הרה"ק רבי ארון לייב זי"ע פלעגט מאכן א חשבון הנפש יעדן טאג בעפארן דאווענען און אויס גערעכנט אז ער האט שוין בעפארן דאווענען עובר געווען אויף 400 עבירות, און דורך דעם האט ער געדאווענט מיט א צובראכענע הארץ,

אויפן טאטן דער צדיק רבי ארון לייב זי"ע וואס איז געווען פון די גרויסע תלמידים פון רבי אלימלך מליזענסק זי"ע דערציילט מען, אז איינמאל ווען ער איז געקומען צו זיין גרויסן רבין קיין ליזענסק, האט אים זיין רבי דער הייליגער ר' אלימלך זי"ע נישט געוואלט מקבל זיין און אים געזאגט, אז אליהו הנביא ז"ל איז געקומען צו אים, און האט פאר'מסר'ט דעם רבי ארון לייב, אז ער וויל נישט לערנען מיט אים, נאר ער פאדערט אז ער וויל נאר לערנען מיט אחיה השילוני ע"ה, אבער נאכדעם האט דער הייליגער רבי ר' אלימלך שלום געמאכט צווישן אליהו הנביא און רבי ארון לייב זי"ע,

איינמאל איז זיין טאטע רבי ארון לייב זי"ע געקומען צו זיין רבין קיין ליזענסק, און זיין רעבעצין די צדקת מרת יענטא ע"ה האט זיך נישט גוט געשפירט, האט דער רבי אלימלך געהייסן פאר די רעבעצין, אז זי זאל אנכאפן איין עק פון זיין גארטל, און דער צדיק רבי אלימלך זי"ע האט אנגעכאפט די צווייטע זייט,

און דאן האט דער רבי אלימלך געפרעגט, אויב זי שפירט שוין בעסער, אבער זי האט געזאגט אז ניין, אבער נאך אפאר מאל האט די רעבעצין געזאגט אז זי שפירט שוין אינגאנצן געזונט, האט די רעבעצין געזאגט שפעטער, אז באמת האט זי שוין געשפירט גוט גלייך, נאר זי האט געוואלט לענגער האלטן די גארטל מיט צדיק, און דערפאר האט זי געזאגט אז זי שפירט נאכנישט גוט,

דער צדיק רבי מאיר זי"ע איז געווען א איש קדוש וטהור נורא מאוד, א צדיק יסוד עולם און א בעל צדקה וחסד נפלא בדורו, ער איז געווען א בעל מופת נפלא און א בעל רוח הקודש, און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע בעל צדקה וואס האט אויסגעטיילט זיין גאנצע געלט פאר צדקה, דער צדיק וקדוש איז געווען א אוהב ישראל באמת און ליב געהאט יעדן איד אהבת נפש, נאך זייענדיג גאר יונג האט מען שוין געזעהן אויף דעם קינד דאס געוואלדיגע גדלות בתורה וקדושה, און ער איז געווען א געוואלדיגע הצנע לכת עם ד',

שוין אלס קינד האט ער עוסק געווען אונעם מצוה פון צדקה, ער פלעגט יעדן ערב שבת ארום לויפען צוזאמען שטעלן געלט און געקויפט א קי און דאס פלייש פארטיילט פאר נצרכים פאר שבת קודש, איין ערב שבת קודש האט ער נישט געהאט קיין געלט צו קויפן א קי פאר שבת, און ער האט געהאט גרויסע עגמת נפש אז ער האט נישט וואס צו געבן פאר די ארימעלייט, האט ער גע'שחט'ען די קי וואס האט באלאנגט פאר די עלטערן, און פארטיילט דאס פלייש פאר די נצרכים,

אבער ווען די מאמע האט געזעהן אז די קי איז נישט דא, איז זי געלאפן צום טאטן רבי ארון לייב און פארציילט וואס עס גייט פאר, דער טאטע האט גלייך פארשטאנען וואס דא גייט פאר, און געזאגט פאר די רעבעצין, די קי איז שוין אין גן עדן, אבער די מאמע האט זיך זייער מצער געווען פון דעם, און דער קינד מאיר'ל האט געהאט צער אז די מאמע איז אזוי צובראכן,

אזוי גייענדיג אויפן גאס אינגאנצן צובראכן, האט אים א איד געטראפן און פרעגט אים וואס גייט פאר, האט ער דערציילט די מעשה, האט אים דער איד געגעבן א אנדערע קי אז ער זאל דאס ברענגען פאר די מאמע, און די מאמע האט זיך בארואיגט, יארן שפעטער האט נאך דער צדיק רבי מאיר'ל מכיר טובה געווען פאר דעם איד פארן אים געבן די קי,

ער איז געווען א תלמיד מובהק פונעם צדיק וקדוש רבי מרדכי מקרעמניץ זי"ע, אויך האט ער געלערנט אסאך פון זיין תורה ביים הייליגען חוזה מלובלין זי"ע,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת שלומצה ע"ה,
בת הרה"ק רבי צבי הירש מייזעלס מפודהייץ זי"ע,

דער צדיק פאר זיך האט געלעבט מיט א מורא'דיגע דחקות און פאר זיך האט ער גארנישט געברויכט, ער האט ביי זיך אין שטוב נישט געהאט אפילו א טיש, נאר ער האט געהאט א פאס וואס דאס האט געדינט אלס זיין טיש, אבער ווען עס איז געקומען צו טיילן צדקה האט דער צדיק זיך ממש מוסר נפש געווען פאר די מצוה,

עס האט ביי דעם צדיק נישט גענעכטיגט קיין איין פרוטה פארן קומענדיגן טאג, זיין שטוב איז אייביג געווען אפען פאר יעדן איד, דאס אהבת ישראל וואס דער צדיק האט געהאט איז געווען עד אין לשער, און דורך דעם האט ער הונדערטער אידן מקרב געווען לאביהם שבשמים,

דער צדיק וקדוש האט געהאט א קשר מיט גאר אסאך גדולים און צדיקים בדורו ובתוכם,

הרה"ק רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע,
הרה"ק רבי אלעזר בעל רביד הזהב מלאנצהוט זי"ע,
הרה"ק רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר מדינוב זי"ע,
הרה"ק רבי שלמה שפירא בעל שם שלמה ממונקאטש זי"ע,
הגה"ק רבי שלמה קלוגער מבראד זי"ע,
הגה"ק רבי יוסף שאול נאטענזאהן בעל שואל ומשיב מלבוב זי"ע,
הגה"ק רבי יעקב משולם ארענשטיין בעל ישועות יעקב מלעמבערג זי"ע,
הגה"ק רבי משולם ישכר הלוי הורוויץ בעל כלי חמדה מסטאניסלאוו זי"ע,
הרה"ק רבי יהודה צבי מסטרעטין זי"ע,
הרה"ק רבי שלום השר שלום מבעלזא זי"ע,
הרה"ק רבי ישראל מרוזין זי"ע,
הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע,
הרה"ק רבי מרדכי מנדבורנא זי"ע,
הרה"ק רבי ברוך מגארליץ זי"ע,

דער צדיק איז געווען רגיל צו זאגן, אז ווען אידן קומען זיך צוזאם און מען טרינקט א לחיים און מען ווינטשט זיך איינער דעם אנדערן לחיים, "דאן ווען אידן צוגייען זיך בלייבט איבער פון לחיים "לחם" און דאס ברענגט פרנסה ברוח,

איין יאר פסח אויפדערנאכט ביי די פזמון "אדיר הוא יבנה", ווען דער צדיק איז אנגעקומען צו די ווערטער פון, "חסיד הוא" האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, "רבונו של עולם אויב ביזטו א חסיד, זאג'זשע ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה".

ווען מען איז געקומען מזכיר זיין א חולה האט דער צדיק וקדוש רבי מאיר זי"ע געזאגט, אז מען זאל זאגן די ברכה אשר יצר מיט כוונה, ווייל דאס איז א סגולה בדוק ומנוסה פאר א רפואה.

אויפן פסוק לֹא עֵת הֵאָסֵף – הַשְׁקוּ הַצֹּאן וּלְכוּ רְעוּ האט דער צדיק געזאגט, רבונו של עולם אויב חלילה איז נאכנישט די צייט פון, הֵאָסֵף הַמִּקְנֶה, צו ברענגען משיח און אויסלייזען דיינע קינדער, בעט איך דיר כאטש, הַשְׁקוּ הַצֹּאן וּלְכוּ רְעוּ, געב פאר דיינע אידישע קינדער פרנסה ברוח, אז עס זאל זיי גארנישט פעלען ביז משיח צדקנו וועט קומען בקרוב.

טויזענטער אידן זענען געהאלפן געווארן דורך זיינע ברכות און ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום, ווי באוויסט האט דער צדיק פאר זיך געלעבט אין א גרויסע דחקות, די ערד ביים צדיק אין שטוב איז געווען געמאכט פון שטיין און ערד גאר פשוט, און ווען דער צדיק פלעגט יעדע וואך מוצאי שבת קודש מאכן הבדלה, און די ווייןפון די הבדלה איז געריגען אויף דער ערד, פלעגן אידן פון שטאט כאפן פון די וויין און די חלב וואס האט אראפ געטארפט, און אידן האבן דורך דעם געזען גרויסע ישועות ובפרט אין געהאלפן ווערן מיט זש"ק,

זיינע דברי תורה האט מען געדריקט אונעם ספר אור המאיר, און אונעם ספר מרגניתא דר' מאיר, און ספר דברי מאיר,

ער האט איבער געלאזט הייליגע קינדער,

הרה"ק רבי צבי מפרמישלאן זי"ע,
בתו, הצדקת מרת רוחמה רחל ע"ב, אשת הרה"ק רבי יוסף מלושקוביץ זי"ע, נכד היושר דברי אמת זי"ע,
בתו, הצדקת מרת פרומט רכיל ע"ה, אשת הרה"ק רבי יחיאל מיכל מוסקוביץ מגלינה זי"ע,

בתו, הצדקת מרת אסתר צינה ע"ה, אשת הרה"ק רבי צבי פרענקל מסדילקוב זי"ע.
בתו, הצדקת מרת חנה ע"ה, אשת הרה"ק רבי חיים אברהם רדליך ממיקוליוב זי"ע.
בתו, הצדקת מרת מרים חיה ע"ה, אשת הרה"ק רבי יואל מוסקוביץ משאץ זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים שבת קודש מ"ד בעומר כ"ט אייר ערב ראש חודש סיון בשנת תר"י, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט פרעמישלאן.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

הרה"ק רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע איז אמאל געווען שטארק אויף געלייגט, און די חסידים האבן באשלאסן אז ס'איז א שעת הכושר, און זיי האבן געבעטן אז דער רבי זאל זיי ווייזן אליהו הנביא ז"ל, האט רבי מאיר'ל געענטפערט, אז ער קען זייער פארלאנג נישט נאכגעבן, צוליב א מעשה שהיה, און רבי מאיר'ל האט זיי גענומען דערציילן א מעשה זיי צו ערקלערן פארוואס ער אנטזאגט זיך צו אנטפלעקן פאר זיי אליהו הנביא.

קיין פרעמישלאן פלעגן כסדר קומען צו פארן פשוט'ע 'עמך' אידן, צווישן זיי אויך אזעלכע וואס האבן קנאפ געוואוסט פון תורה ומצוות, און זיי פלעגן קומען צום רבי'ן ר' מאיר'ל פאר א ברכה אדער צו פועל'ן א ישועה, בדרך כלל פלעגט דער רבי זיך מיט זיי אוים נעמען דאס זיי זאלן פארבעסערן זייער התנהגות, אבער אפטמאל זענען געקומען אידן וואס זענען נעבעך געווען אזוי פראסט, אז ס'איז אפילו שווער געווען מיט זיי צו רעדן דערוועגן.

איין טאג זענען צו רבי מאיר'ל אריין געקומען צוויי סוחרים, און האבן זיך שטארק אויסגעוויינט איבער די שווערע מצב הפרנסה וואס דריקט אויף זיי, האט רבי מאיר'ל גענומען ארומרעדן מיט זיי וועגן אידישקייט, און ער האט מיט זיי זיך אוים גענומען צו פארבעסערן זייערע וועגן, און דאן האט רבי מאיר'ל גענומען אכצן גודלן און עס דערלאנגט פאר די צוויי סוחרים.

און דער צדיק רבי מאיר'ל זי"ע זאגט פאר די סוחרים, "מיט די גולדן זאלט איר פארן קיין לעשקאוויטץ, און דארט זאלט איר ארוים אין מארק און טון האנדל", און רבי מאיר'ל האט זיי אן געזאגט, אז דאס ערשטע געשעפט וואס מען וועט זיי פארלייגן זאלן זיי באלד אננעמען, און דאס אפקויפן מיט די אכצן גולדן, די צוויי סוחרים האבן זיך געזעגענט פונעם רבין און זיך באלד ארוים געלאזט קיין לעשקאוויטץ.

אנקומענדיג אין לעשקאוויטצער מארק איז פונדערוויטנס געקומען צו גיין אן אלטער פאלאק, און גענומען פאר זיי פארלייגן א געשעפט, דער אלטער האט אראפ געשלעפט פון זיינע איינגעבויגענע פלייצעס א פולן זאק, און פלינק ארוים געשלעפט דערפון א וואלענעם געשטריקטן הוט, וועלכעס ער האט זיי גערן געוואלט פארקויפן.

די צוויי סוחרים האבן גוט געדענקט רבי מאיר'לס עצה, און זענען באלד איין געגאנגען אויפ'ן געשעפט, "וויפיל ווילט איר פאר דעם געשעפט", האבן זיי געפרעגט דעם אלטן אויף פויליש, "זעקס רובל" האט דער גוי געענטפערט, די צוויי האבן באלד געענדיגט דעם געשעפט, און זיך געקליבן צו גיין פון דארט, נאר דער אלטער גוי האט זיי אפגעהאלטן, "פארוואס זאלט איר נישט קויפן נאך אזעלכע היטלעך" האט ער געפרעגט, אן קיין ברירה האבן זיי מסכים געווען און ארוים געצויגן די איבריגע צוועלעף רובל, אפקויפנדיג נאך צוויי אזעלכע היטלעך.

זעענדיג אז עס גייט אים גוט האט זיך דער פאלאק אנגערופן צו זיי, ווייזנדיג אויפ'ן זאק, איר זעט, דער זאק איז דאך פול מיט אזעלכע הוטן, אפשר ווילט איר אפקויפן פון מיר דאס גאנצע זאק, אבער די צוויי סוחרים האבן זיך אנטשולדיגט אז זיי האבן נישט קיין געלט אפצוקויפן מער פון די הוטן, ווען דער גוי האט עס געהערט האט ער זיך פארקלערט א מינוט און דאן געזאגט, נו, וועל איך עס אייך געבן במתנה.

ביז דערוויל האט איינער פון די סוחרים באמערקט, אז אויף דעם הוט איז אויסגענייט פיל טייערע דיימאנטן, ער האט באלד גענומען באטראכטן די אנדערע הוטן, און צו זיין וואונדער געזען אז דאס גאנצע זאק איז פיל מיט אזעלכע הוטן, וועלכע טראגן אויף זיך גאר גאר טייערע דיימאנט שטיינער.

אין זיין מה האט דער סוחר שנעל גענומען וועבן פלענער, ער האט זיך אנגערופן צו זיין חבר רעדנדיג אין לשון־

הקודש, אז דער גוי זאל נישט פארשטיין, עס קוקט מיר אויס אז דער חברה–מאן האט די סחורה פון ערגעץ אפגע'לקח'נט און ער וויל דערפון פטור ווערן, אז דערנאך זאל ער אונז קענען גיין מסר'ן ביי די פאליציי, לאמיר אלזא אים קודם אראפוואישן פון וועג און דערנאך זיך האלטן מיט די גאנצע געשעפט.

דער גוי וועלכער איז דערוויל געשטאנען אין א זייט ווארטנדיג אויף אן ענטפער פון די צוויי סוחרים האט זיך פלוצלים צוגעריקט צו זיי און אויסגערופן, איך האב "נייעס" פאר אייך, לשון–הקודש פארשטיי איך זייער גוט, און דערפאר זאלט איר זיך פון היינט מאל זוכן אנדערע מענטשן מיט וועמען צו האנדלען, און דער גוי האט פלינק אריינגעשארט די ערשטע צוויי היטלעך אינעם זאק, און נעלם געווארן פון דארט, איבער לאזנדיג די צוויי סוחרים געפלעפט.

"פארשטייט איר", האט רבי מאיר'ל אויסגערופן צו זיינע חסידים, "דער פאלאק איז געווען אליהו הנביא זכור לטוב, און זינט דאן האלט איך זיך צוריק פון אנטפלעקן אליהו הנביא פאר מענטשן, טאמער וועט מען אים חלילה אראפוואישן פון וועג".

הרב פאדווא זי"ע פון לאנדאן האט דערציילט, אז אמאל האט ער שפאצירט אין די שטאט וויען, אלץ בחור צוזאמען מיט זיין ברודער, פארנט פון זיי ארויפציר, האט שפאצירט א אלטע איד מיט זיין ווייב, זאגט דער ברודער פאר הרב פאדווא, זעסט דעם יוד דארט, ער האט א ברכה פון ר' מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע, און בשעת ווען ער האט דאס געזאגט, דרייט זיך אויס דער איד, וואס איז געווען אפגערוקט א האלבע גאס, און זאגט, הא? עטץ רעטס פון מיר?, כ'וועל ענק דערציילן די מעשה,

איך בין געווען א הויז בחור ביים בראדער מגיד הגה"ק רבי שלמה קלוגער זי"ע, ר"ש קלוגער האט געהאט א מנהג ערב שבת אליין צו גרייטן די פיש לכבוד שבת קודש, איינמאל איז ער געווען זייער פארנומען, האט ער געבעטן איך זאל מאכן די פיש, און גלייכצייטיג אנגעווארנט איך זאל אכט געבן אויפן גאל, ווייל אויב עס פלאנצט דער גאל ווערט די גאנצע פיש ביטער,

איך האב טאקע געמאכט די פיש כדת וכראוי, פארציילט דער געוועזענע הויז בחור, אבער פאר ר' שלמה קלוגער האט זיך געדאכט, אז כ'האב יא געפלאצט די גאל, האט ער מיר געגעבן א פסק, למעשה נאכדעם וואס דער גאון האט נאכאמאל בודק געווען די פיש, האט זיך ארויס געשטעלט, אז די גאל האט נישט געפלאצט, האט ער מיר מפייס געווען, און אלס הכרת הטוב צו בעטן מחילה, האט דער גאון מיר אנגעוואונטשן אריכות ימים,

לימים בין איך געווען ביים צדיק רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע, און ווי נאר כ'בין אריין געקומען, רופט זיך אן ר' מאיר'ל, איך זעה אז די האסט א ברכה פונעם בראדער מגיד פאר אריכת ימים, אבער מאיר'ל וועט דאס ממתיק זיין, "ארוכות ימים, מיט א גוטע שמועה, א גוטע ריאה, און א זיווג ראשון", און דער איד דער זקן ענדיגט צו, און דאס איז מיין ערשטע ווייב,

האט הרב פאדווא אויס געפירט, דאס אז ער האט א גוטע ריאה, האב איך געזען ווייל ער האט נישט געטראגן קיין אויגן גלעזער, און א גוטע שמועה האב איך אויך געזעהן, ווייל פון א האלבע גאס אוועק האט ער מיר געהערט רעדן צו מיין ברודער.

דער גרויסער צדיק וקדוש רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע האט אמאל אראפ שפאצירט א שיפע בארג ווען עס איז געווען אייזיג און גליטשיג, ער האט שפאצירט כאילו עס איז גראד און טרוקען, און אזוי איז ער אראפ די בארג, ווען ער האט געזעהן די וואונדער אין די אויגן פון די צוקוקערס האט ער געזאגט, "אז מען איז געבינדן פון אויבן גליטשט מען נישט אונטען".

ווען דער צדיק רבי מאיר'ל איז געווען א קינד, האט ער זיך געדרייט אין ווייבער שול, און ער האט געהערט אז א פרוי וויינט אין שול נעבן ארון קודש, אז זי איז אן אלמנה און זי האט נישט קיין פרנסה, האט רבי מאיר'ל זייעדיג א קינד אראפ געשריגן פון ווייבער שול פאר די אלמנה, אז זי זאל אנהייבן בעטן פאר קראנקע מענטשן, און זיי וועלן אויס געהיילט ווערן, און דורך דעם וועלן מענטשן איר געבן אסאך געלט, און זי וועט פון דעם האבן פרנסה בהרחבה, כך הוה יעדעס מאל איינער איז געקומען צו איר און זיך מזכיר געווען האט מען געזען א ישועה, און זי האט געהאט פון דעם שיין פרנסה,

מיט יארן שפעטער האט ר' מאיר'ל באקומען און האלז א אייטער און מען האט נישט געטראפן א רפואה, האט מען געזאגט פארן צדיק רבי מאיר'ל זי"ע, אז עס דא אין שטאט א פרוי וואס זי ווינטש און מען ווערט געהאלפן,

האט ר׳ מאיר׳ל געהייסן מען זאל אריבער רופן די פרוי און הערן פון ווי זי האט דעם כח, צו דאס איז פון די צד הקדושה אדער חלילה פארקערט,

האט די אלמנה פארציילט, אז זי איז געווען א צובראכענע אלמנה, איז זי אריין אין ביהמ״ד און זי האט געוויינט אויף איר מצב, און פלוצלונג האט זי געהערט א בת קול וואס האט איר געזאגט, אז זי זאל ווינטשן פאר קראנקע און מען וועט געהאלפן ווערן, ווען ר׳ מאיר׳ל האט דאס געהערט, האט ער זיך זייער צילאכט פון די מעשה, ווייל ער האט זיך דערמאנט אז ער איז גאר געווען די בת קול אלס קליין קינד, און דורך די לאכן האט זיך די אייטער אויף געקראכט פונעם לאכן, און ר׳ מאיר׳ל האט דורך דעם געהאט א ישועה.

איינמאל איז ר׳ מאירל געווען באזיכען דעם לעמבערגער רב הגה״ק יעקב משולם אורנשטיין בעל ישועות יעקב, אין ר׳ מאירל האט גערעדט אן אינטערעסאנטע דרך ער פלעגט זאגן, מאירל זעט אין הימל דאס, מאירל זעט אזוי, דאס איז געווען זיין דרך פון רעדן,

איז געווען א אינגערמאן אן אייניקעל פונעם ישועות יעקב, הגה״ק רבי צבי הירש אורנשטיין בעל ברכת רצ״ה זי״ע, האט ער זיך צעשמייכעלט פין ר׳ מאירלס וועג פון רעדן, האט זיך ר׳ מאירל אויסגעדרייט אין זיך אנגעריפען, ״אינגעמאן וואס שמייכעלסטו, מיינס אוודאי אז דאס לעמבערגע רבנות ווארט אויף אייך, נישט אזוי שנעל זעקס אין דרייסיג יאר ועסטו ווארטען״,

די ארומיגע האבן זיך שטארק געוואונדערט, ווייל דער אינגערמאן איז ראוי׳ געווען איבער צו נעמען דאס רבנות, אין אויך איז שוין דער ישעות יעקב געווען א זקן, און די זוהן פונעם ישועות יעקב, הגה״ק רבי מרדכי זאב זי״ע די טאטע פון רבי צבי הירש זי״ע איז שוין אוועק בחייו פון זיין טאטן, האט מען נישט פארשטאנען פשט,

אבער ווען דער הייליגער ישועות יעקב איז אוועק בשנת תקצ״ט, האט געדוירט א פאר יאר ביז מען איז זיך דורך געקומען אויפצונעמען א רב, און דאן איז געווארן רב הגה״ק רבי יוסף שאול נאטענזאהן בעל שואל ומשיב זי״ע, וואס איז נסתלק געווארן בשנת תרל״ה,

און נאר נאכדעם האט מען אויף גענומען דעם אייניקל הגה״ק רבי צבי הירש אורנשטיין בעל ברכת רצ״ה זי״ע, אין עס איז טאקע געווען זעקס אין דרייסיג יאר פון ווען דער הייליגער ישועות יעקב איז אוועק ביז׳ן הסתלקות פין דעם שואל ומשיב, דאן האט מען שוין גוט פארשטאנען ווי וויט דער צדיק וקדוש ר׳ מאירל האט געזען יארן פריער.

דער הייליגער לעמבערגער רב הגה״ק רבי יוסף שאול בעל שואל ומשיב זי״ע האט זיך געפירט, אז א רבי וואס איז געקומען צו גאסט אין זיין שטאט, און ער האט געוויסט אז ער קען לערנען, האט ער מכבד געווען אין פארברענגט מיט אים אין לערנען, אבער א רבי וואס ער האט נישט געוויסט אז ער זאל קענען לערנען, האט ער פראבירט אויסצומיידען, ווייל דער הייליגער שואל ומשיב איז דאך נישט געווען פינעם חסידישען חדר,

איז געווען אמאל ווען דער גאון ר׳ יוסף שאול האט געדארפט אריבער פארן דעם שטאט פרעמישלאן, האט ער געבעטן דעם בעל עגלה זאל זיך נישט אפשטעלן אין שנעל אריבער פארן מען זאל אים נישט באמערקן, האט זיך אבער געמאכט, אז ער האט זיך יא אפ געשטעלט אין מען האט אים באמערקט, האט שוין דער גאון ר׳ יוסף שאול שוין נישט געוואלט מען זאל שמיסען אז ער איז מצער ר׳ מאירל, האט ער זיך מיישב געווען, אז ער וועט אריינגיין צו אים, וועט ער אים טרעפן לערנען וועט ער כאפן א שמיעס מיט אים, אבער טאמער נישט, וועט ער אים געבן שלום אין גיין ווייטער,

ווען ער גאון וקדוש ר׳ יוסף שאול איז אריין געקומען צו ר׳ מאירל, האט ער אים געטראפן ארום שפאצירען פאר׳מוח׳ט אונעם צימער, האט זיך ר׳ יוסף שאול מיישב געווען, אז ער וועט אים געבן שלום אין גיין ווייטער,

און טאקע אזוי ווי ר׳ מאירל האט זיך אויפגעכאפט פין זיין דביקות, האט לעמבערגער רב געגעבן שלום פאר ר׳ מאירל, אין געוואלט גיין ווייטער, פרעגט ר׳ מאירל, לעמבערגער רב אפשר זאגט איר מיר פשט אין די גמרא, עס שטייט ״אם ראית ת״ח שעבר עבירה בלילה, אל תהרהר אחריו ביום, שמא עשה תשובה״ פרעגט די גמרא ״שמא עשה תשובה, אלא ודאי עשה תשובה״,

האט ר׳ מאיר׳ל געפרעגט, איינער וואס די גמרא רופט אן ת״ח, וואס פאר אן עבירה קען ער שוין טוען, און וואס איז פשט שמא עשה תשובה, אויך האט ר׳ מאירל געזאגט, די גמרא זאגט דאך, ת״ת כנגד כולם, הייסט אז טאמער איז ת״ת די גרעסטע מצוה איז ביטול תורה די גרעסטע עבירה,

זאגט דער הייליגער צדיק ר' מאיר'ל פשט, יעצט אז מען זעט א ת"ח איז מבטל תורה, זאל מען נישט מהרהר זיין נאך אים, ווייל דער רבי דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע פלעגט שטענדיג, בעפאר ער האט זיך געזעצט לערנען תשובה טוען, און ער האט געזאגט לרשע אמר אלוקים מה לך לספר חוקי אין אזוי האט ער תשובה געטוען אין זיך געזעצט לערנען,

יעצט זאגט דער הייליגער צדיק רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע, די רבי פון לובלין האט געקענט שנעל תשובה טוען, איך קען נישט אזוי שנעל, איז אז איר זעט איינער איז מבטל תורה ער דרייט זיך ארויף אין אראפ פאר'מוח'ט, זאלט איר נישט מהרהר זיין נאך אים, ווייל שמא עשה תשובה, אפשר דאס וואס ער האט זיך אזוי ארומגעדרייט איז געווען ווייל ער האט תשובה געטוען,

אין אויף דעם פרעגט די גמרא שמא עשה תשובה, איז דען מעגליך ער האט עפעס אנדערש געטוען, נאר זאגט אויף דעם די גמרא, אלא ודאי עשה תשובה, ווען דער גאון רבי יוסף שאול האט דאס געהערט, האט ער שוין געזען דעם כח און די הייליגע אויגן פון רבי מאיר'ל, און פארשטאנען אז דער איז א צדיק וקדוש.

א איד וואס איז געווען קינדערלאז ל"ע איז געפארן אסאך יארן זיך מזכיר זיין ביים צדיק הרה"ק רבי אייזיק'ל מזידיטשוב זי"ע, אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן מיט קינדער, אמאל האט זיך דער איד בארעכענט, אין איז געפארן צו רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע זיך מזכיר זיין אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן מיט א קינד, דער איד איז געווען זייער א קארגע מענטש, א בעל בשר און א הויכע געשטעל,

ווען ער איז אנגעקומען קיין פרעמישלאן, האט ער זיך נישט וויסענדיג געמאכט פון די גבאים וואס שטייען ביים טיר, כדי ס'זאל אים חלילה נישט אפ קאסטן א גראשען, און ער איז זיך אריין צו רבי מאיר'ל און געזאגט,"דער רבי זאל זיך אויסבעטן ביי מיר", וואס מיינט אז די רבי זאל אים זאגען וויפל געלט אראפ צולייגן פאר זיין ישועה, אבער רבי מאיר'ל האט נישט געוואלט נעמען פון אים געלט, נאר ער האט אים גלייך צו געזאגט א ישועה,

ארויסקומענדיג פונעם רבי'ן, האבן אים די גבאים נישט געלאזט גיין ביז ער צאהלט זיי, ווי מ'פירט זיך, ער איז דאך געווען א קארגער האט ער זיי נישט געוואלט צאלן, און ס'איז געווארן א גרויסע טומעל און גראטשקע, ביז ס'האט זיך אנגעהערט אין רבי מאיר'לס צימער,

האט אים די רבי אריין געריפן און געזאגט, לאמיר דיך עפעס זאגן, אז "ברע די קעניג פון סדום" איז געווען א מענטש ווי דיך, א הויעכע געשטעל, א גראבער, און נישט געהאט קיין קינדער, און "שם בן נח" איז געווען די רבי, און ער איז געפארן אסאך צו אים, אבער ער האט אים גארנישט גע'פועל'ט, און ווען ער האט געהערט אז אברהם אבינו איז אנגעקומען, האט ער זיך בארעכענט אז ער וועט גיין בעטן ביי אים ער זאל נעמען געלט, און אים צו זאגן א בן זכר, האט אברהם אבינו נישט געוואלט נעמען דאס געלט, און ער האט אים צו געזאגט אן געלט,

דאס האט די קעניג פון סדום געזאגט צו אברהם אבינו, והרכוש קח לך, ויאמר אברם אל מלך סדום, הרימותי ידי וגו', אם מחוט ועד שרוך נעל, ואם אקח מכל אשר לך, בלעדי רק אשר אכלו הנערים וחלק האנשים אשר הלכו אתי, ווייל די חלק וואס באלאנגט צו זיי, דארף מען סיי ווי זיי געבן, אזוי אויך דיר, יעך האב נישט געוואלט נעמען פון דיר געלט, אבער די חלק וואס ס'באלאנגט פאר די גבאים זאלסטו זיי צאלן וואס זיי בעטן, און אויב נישט וועט קיין ישועה נישט קומען,

איין ערב פסח האט די טאכטער פונעם צדיק וקדוש רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע געקויפט פלייש לכבוד יו"ט, און פסח ביינאכט ווען דער צדיק איז אהיים געקומען צום סדר, בעט ער דעם טאכטער אז ער ברויך די שטיוול, האט זי געברענגט די שטיוול, דאן בעט ער דעם זופ און פלייש וואס מען האט צו געגרייט פאר די סעודה, און זאגט פארן טאכטער,

דא אין שטאט איז דא א יולדת וואס קען נישט עסן קיין הארטע מצה, דארף מען אריבער טראגען דאס זופ מיט פלייש אז זי זאל האבן וואס צו עסן, און דער צדיק האט אליין אריבער געטראגן דאס עסן און נישט געלאזט קיינעם גיין, כדי צו מקיים זיין די מצוה אליין נאך בעפארן אפרעכטן די סדר נאכט.

צום שטוב פונעם צדיק רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע איז אמאל אנגעקומען א שליח פונעם צדיק הרה"ק רבי יהודה צבי מסטרעטין זי"ע, אבער נאך בעפאר דער שליח האט געקענט זאגן פאר רבי מאיר'ל די סיבה פארוואס ער איז געקומען, זאגט דער צדיק רבי מאיר'ל

פאר זיין משמש, גיי ברענג די צוויי זעקליך וואס איך האב געהייסן אוועקלייגען פארן טאכטער פון רבי יהודה צבי מסטרעטין,

ווען דער צדיק האט געזעהן אז דער שליח וואונדערט זיך אזוי, אז דער צדיק האט גלייך געוויסט אויף וואס ער איז געקומען, האט דער צדיק געזאגט, שבת קודש ביינאכט ביי קידוש איז געקומען א מלאך און זאגט, די בוסט מאריך מיט קידוש און די טאכטער פון הרה"ק מסטרעטין ליגט קראנק, האב איך גענומען פון די קידוש וויין און אוועק געלייגט פארן טאכטער שיריים,

ביי שלש סעודות איז די מלאך נאכאמאל געקומען און מזכיר געווען, אז די טאכטער פון סטרעטינער רב איז קראנק, האב איך אוועק געלייגט א שטיקל חלה פארן טאכטער, און די טאכטער איז טאקע געזונט געווארן פון די שריים פונעם צדיק.

דער טאלטשובער רב איז ווי באקאנט סוף ימיו געפארן קיין ארץ ישראל, און ער האט זיך באזעצט אין עיה"ק צפת, אויפ'ן וועג קיין אדעס, פון וואו די שיף האט געזאלט ארויס פארן, איז ער אפגעשטיגן אין פרעמישלאן זיך געזעגענען פונעם צדיק וקדוש רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע,

אבער צוליב די קורצע צייט איז אים שוין נישט אויס געקומען צו פארבלייבן שבת אין פרעמישלאן, רבי מאיר'ל האט אים אויף גענומען מיט גרויס כבוד און תיכף מיט'ן ערשטען שמועס האט ער אים געזאגט, אז ער וואלט געוואלט זעהן זיין פאספארט, דער טאלטשובער רב האט אים אהין געגעבן דעם פאס, און רבי מאיר'ל האט עס באהאלטן אין זיין בוזעם טאש און זיך אנגערופן, "מאיר האט ליב פעסער",

אזוי ווי דער פאס איז פארבליבן ביי רבי מאיר'ל, האט דער טאלטשובער רב נישט געהאט קיין ברירה און איז פארבליבן שבת אין פרעמישלאן, ער איז אבער געווען זייער פארזארגט וויסענדיג אז ער וועט פארשפעטיגען זיין שיף קיין ארץ ישראל,

נאך שבת האט ער זיך מיט אים געזעגענט מיט גרויס חביבות, ווען רבי מאיר'ל געבט אים צוריק דעם פאספארט, אבער ביי די צייט איז די שיף אין אדעס מיט וואס ער האט באדארפט צו פארן קיין ארץ ישראל שוין געווען אוועק געפארן, און באין ברירה איז ער פארבליבן אין די האפען שטאט אדעס ווארטענדיג אויף א צווייטע שיף, אבער זוימענדיג זיך אין אדעס, איז אנגעקומען די בשורת איוב, אז די שיף מיט וואס ער האט געדארפט פארן, איז איינגעזינקען און אלע מיטפארערס זענען דערטרונקען געווארן אין ים ל"ע,

אצינד האט ער פארשטאנען, אז דערמיט וואס רבי מאיר'ל האט אים צו גענומען די פאס און אויף געהאלטן איבער שבת, איז ער געראטעוועט געווארן, און כל ימיו האט דער טאלטשובער רב דערציילט איבער דעם גרויסן נס וואס ער האט געהאט אין זכות פונעם צדיק רבי מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע.

הרה"ק רבי אליעזר מקאמארנא זי"ע זאגט בשם זיין הייליגען טאטע הרה"ק רבי אייזיק'ל מקאמארנא זי"ע, אז דעם אוהל אין פרעמישלאן האט מען גערופען די "מערת המכפלה", ווייל דארט ליגען די 4 זוגות קדושים, הרה"ק רבי ארון לייב זי"ע מיט די רעבעצין, הרה"ק רבי מאיר'ל זי"ע מיט די רעבעצין, און די צוויי טעכטער פון רבי מאיר'ל מיט די איידעמער,

איינמאל איז געווען א מגיפה אין א שטאט, איז הגה"ק רבי יהושע פאליק זי"ע געקומען צו הרה"ק רבי מאיר מפרעמישלאן זי"ע מזכיר זיין פאר א ישועה, האט דער צדיק געגעבן א ברויט און וואסער, און געהייסן מען זאל דאס אויף הענגען אין א שטוב פון א ערליכער איד אין שטאט, און מען וועט געראטעוועט ווערן, און כך הוה עס איז אונעם שטאט קיינער נישט אנגעשטעקט געווארן פונעם מגיפה.

הרה"ק רבי יהודה צבי בעל דעת קדושים מראזלא זי"ע האט אמאל געזאגט, אז דער צדיק רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע האט אסאך עוסק געווען אונעם זומער צו פארשאפן פעלדזן פאר ארימעלייט פאר די ווינטער, האט דער צדיק רבי יהודה צבי מראזלא זי"ע פארציילט, אז הרה"ק בארנובער רב זי"ע איז אמאל געווען אין א בעדער אין מארינבאד, און געזעהן א אלטען איד וואס איז איבער די הונדערט יאר און גייט מיט א אויסגעגראטע רוקען ווי א יונגערמאן,

האט ער געפרעגט דעם איד, אין וואסערע זכות האסטו זוכה געווען צו אזא שיינעם עלטער, האט דער איד געזאגט, איינמאל איז געווען א חתונה אין שטאט, און די דרך איז געווען, א די כלה האט געקויפט א פעלדז פארן חתן, איז ביי דעם חתונה געווען א כלה וואס האט נישט

געהאט קיין געלט צו קויפן א פעלדז פארן חתן, און דער חתן האט בשום אופן נישט געוואלט גיין צום חופה נאר אויב ער באקומט א פעלדז,

איז דארט ביי די חתונה געווען דער צדיק רבי מאיר מפרמישלאן זי״ע, און דער צדיק האט געבעטן פון א איד וואס האט געהאט אויף זיך א פעלדז, אז ער זאל דאס אהין געבן פארן חתן כדי מען זאל קענען גיין צו די חופה, אבער דער איד האט געזאגט אז דאס איז א נייע פעלדז און ער וויל דאס נישט געבן,

האב איך געזאגט פארן צדיק רבי מאיר׳ל, אז איך בין גרייט אוועק צו געבן מיין פעלדז, און איך האב דאס געגעבן פארן חתן און מען איז געגאנגען צו די חופה, האט רבי מאיר זי״ע מיר געגעבן א ברכה ״אלט, אלט, אלט, רייך, רייך, רייך״, און פון די ברכה האב איך זוכה געווען צו א שיינעם עלטער און געהאט אייביג פרנסה ברוח,

אויך האט הרה״ק רבי יהודה צבי בעל דעת קדושים מראזלא זי״ע געזאגט, ״רבי מאיר׳ל זי״ע מיט זיין מידת צדקה איז אנגעקומען אסאך העכער ווי איך מיט מיין תורה״, וואס ווי באקאנט איז דער רבי יהודה צבי געווען א גאון בתורת הנגלה והנסתר.

ווערט דערציילט, אז עס איז געווען א גאר שטארקע קשר צווישן דעם צדיק רבי מאיר׳ל זי״ע און דער הייליגער רוזינער זי״ע, האבן די חסידי רוזין דערציילט, אז יענעם מוצאי שבת קודש ווען דער הייליגער צדיק רבי מאיר׳ל זי״ע איז נסתלק געווארן, האט זיך ביי סעודת מלוה מלכה אין רוזין אויס געלאשן א ליכט ביים טיש, ווען מען האט דאס פראבירט אנצינדען צוריק, האט זיך דאס נאכאמאל אויס געלאשן, האט זיך דער הייליגער רוזינער זי״ע אנגעריפן, עס איז דא נייעס אין פרעמישלאן, נישט לאנג נאכדעם האט מען טאקע געהערט די בשורה, אז דער הייליגער צדיק רבי מאיר׳ל מפרמישלאן זי״ע איז נסתלק געווארן,

נאנט צום הסתלקות פון רבי מאיר׳ל מפרמישלאן זי״ע, איז דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי״ע געקומען צוזאמען מיט זיין הייליגען זון רבי ברוך מגארליץ זי״ע אויף א באזיך צום צדיק רבי מאיר׳ל זי״ע, און ווען דער צאנזער רב זי״ע איז געזעצן אין שטוב פון רבי מאיר׳ל, האט דער צדיק געפרעגט דעם דברי חיים, ״צאנזער רב איר זענט דאך פון בית דין הגדול, וואס האלט איר, אז מאיר׳ל דארף וואוינען אין אזא קליינע ענגע דירה, אדער מאיר׳ל דארף אריבער גיין אין א גרעסערע מער רחבות׳דיגע דירה״,

האט דער צאנזער רב זי״ע געזאגט, ״אוודאי זאלט איר אריבער גיין אין א גרויסע רחבות׳דיגע דירה״, האט רבי מאיר׳ל געזאגט ״אויב אזוי וועל איך טאקע אזוי טוען״, אבער באלד האט דער הייליגער צאנזער רב זי״ע געכאפט די ריכטיגע כוונה, אז רבי מאיר׳ל וויל אריבער גיין לעולם שכולו טוב, האט דער הייליגער צאנזער רב זי״ע גלייך צו געלייגט בזה״ל, ״איך מיין נאר אויף דער וועלט״, אבער רבי מאיר׳ל האט דאן געזאגט, ״צאנזער רב כ׳האב נאר געברויכט אייער הסכמה״, און טאקע עטליכע וואכן שפעטער, איז דער צדיק רבי מאיר׳ל נסתלק געווארן לחיי עולם הבא,

ווי באוויסט האט דער צדיק וקדוש רבי מאיר׳ל מפרמישלאן זי״ע שוין פון אלס יונג קינד עוסק געווען אין צדקה וחסד אויף גאר א געהויבענע וועג, ביי די 10 יאר איז דער צדיק יעדע דאנערשטאג ארום געלאפן צוזאמען שטעלן גרויסע סכומים פאר נצרכים אויף צרכי שבת, ער פלעגט קויפן א בהמה און דאס לאזן שחט׳ן ביים שוחט, און מיט די פלייש אריין געברענגט דעם שבת קודש מיט א שמחה ביי צענדליגע צובראכענע משפחות,

איין וואך ווען דער צדיק מאיר׳ל איז אנגעקומען אין מארק, האט ער דארט געטראפן דעם קצב ר׳ שמעון ווי ער זיכט ארום וועלכע בהמה ער זאל קויפן, דער קינד גייט צו צום קצב און בעט אים א נדבה לכבוד שבת, זאגט דער קצב צום קינד, אויב די וועסט מיר זאגן וועלכע בהמה עס וועט ארויס קומען כשר, גיב איך דיר פאר צדקה צוויי גילדן, זאגט דער קלוגער קינד פארן קצב, אויב גיבסטו מיר 10 גילד פאר צדקה וועל איך דיר אנווייזן וועלכע בהמה עס וועט ארויס קומען כשר,

דער קצב האט מסכים געווען און אהין געגעבן די 10 גילדן פארן קינד, און דער קינד האט אים געוויזן וועלכע בהמה ער זאל קויפן, און לפלא איז די בהמה ארויס געקומען כשר מיט אלע הידורים, פון דאן האט דער קצב געשלאסן א געשעפט מיטן קינד, ער פלעגט יעדע וואך ארויס קומען צום מארק מיטן קצב, און פאר יעדע בהמה וואס ער האט אנגעוויזן אז עס איז כשר, האט אים דער קצב געגעבן 10 גילדן, און אזוי האט דער קינד געהאט געלט פאר די נצרכים אויף שבת,

אבער אביסל שפעטער ווען די אנדערע קצבים פון שטאט האבן געזען דעם הצלחה פונעם קצב ר׳ שמעון, אז יעדע בהמה וואס ער ברענגט צום שוחט קומט ארויס כשר, וואס דאס איז נישט געווען ביי אנדערע שוחטים, האבן זיי נאך געקוקט דעם קצב, און דאן האבן זיי געזען פון ווי די הצלחה קומט, האבן די אנדערע קצבים אויך נאכגעטון דעם קצב ר׳ שמעון, און אויך ביי זיי האט די סגולה פון רבי מאיר׳ל געארבעט.

אבער ווען די רבי פון דעם קינד הרה״ק רבי דוב בער זי״ע האט געהערט פון די מעשים וואס זיין יונגער תלמיד טוט, האט ער אים זייער אויס גע׳מוסר׳ט פארוואס ער איז זיך אזוי בגלוי משתמש מיט רוח הקודש, האט דער רבי מאיר׳ל דאס שוין מער נישט געטון, דאס איז געווען זיין גרויסע כוח הקדושה שוין פון אלס יונג קינד, און זיין מסירת נפש פאר די מצווה פון צדקה.

אין די שטאט סיגוט האט געוואוינט הרבני החסיד הנגיד המפורסם מו״ה קלמן כהנא ז״ל, דער ר׳ קלמן איז עטליכע יאר געווען קינדערלאז ל״ע, ער איז געפארן צום הייליגן רבי ר׳ מאיר פון פרמישלאן זי״ע זיך מזכיר זיין, ער זאל געהאלפן ווערן בדבר ישועה ורחמים, נאכדעם ווען ער האט זיך מזכיר געווען ביי רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל פאר זש״ק, האט אים ר׳ מאיר׳ל געפרעגט,

״האט איר כאטש איינמאל זוכה געווען צו זען די הייליגע צורה פון הגאון הקדוש בעל ישמח משה״, האט ר׳ קלמן געענטפערט: ״יא״, וויבאלד רבי ר׳ מאיר זי״ע האט דאס געהערט, האט ער זיך זעהר געפרייט, און האט זיך אנגערופן, ״לאמיר גיין מאכן א סעודה לכבוד דעם, וואס מיר האבן דא א איד וועלכער האט זוכה געווען צו קענען דעם הייליגן ישמח משה זי״ע״.

אינמיטן די סעודה האט זיך אנגערופן רבי ר׳ מאיר׳ל זי״ע, ״נישט קשה! דער ישמח משה האט איבערגעלאזט אן אייניקל אויף דער וועלט, וואס דערלייכט די וועלט״, מיינענדיג דערמיט הגה״ק בעל ייטב לב זי״ע, דאן האט דער רבי ר׳ מאיר׳ל זי״ע געהייסן פאר זיין משמש ר׳ ארי׳, ער זאל נעמען פאפיר און א פעדער, און ער זאל אויפשרייבן די נעמען וואס מען זאל געבן פאר די קינדער וועלכע וועלן געבוירן ווערן צו ר׳ קלמן,

און רבי מאיר׳ל זי״ע האט זיך גענומען אויסרעכענען פאר אלע קינדער די נעמען, ״דאס ערשטע קינד וואס עס וועט ביי דיר געבוירן ווערן, זאלסטו א נאמען געבן ״משה שמחה״, דער נאמען ״משה״ נאכ׳ן הייליגן ישמח משה זי״ע, און דער נאמען ״שמחה״ איז צוליב די שמחה, די פרייד וואס איך האב יעצט דורכדעם וואס איך זעה א איד וואס האט נאך געקענט דעם ישמח משה״, און אזוי האט רבי מאיר׳ל זי״ע אויס גערעכנט די נעמען פון אלע זיינע קינדער, וועלכע זענען נאך נישט געבוירן געווארן,

צום לעצט האט ער אויס גערעכנט דעם נאמען פון יונגסטן קינד, וואס זאל הייסן ״שמואל זיינוויל״, נאכ׳ן פאטער פון ר׳ קלמן, וועלכער האט נאך דעמאלט געלעבט, די ווערטער פון הייליגן רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל זי״ע זענען געווען מקוים געווארן, עס זענען אים געבוירן געווארן אזויפיל קינדער וויפיל רבי מאיר׳ל האט געזאגט, און ער האט טאקע געגעבן די נעמען פאר די קינדער אזוי ווי רבי מאיר׳ל האט געהייסן,

ווען עס איז פאר ר׳ קלמן׳ען געבוירן געווארן דאס יונגסטע קינד, וואס לויט׳ן באפעל פון רבי מאיר׳ל זי״ע האט ער אים געדארפט א נאמען געבן ״שמואל זיינוויל״, האט דער פאטער פון ר׳ קלמן – ר׳ שמואל זיינוויל, נאך דעמאלט געלעבט, האט אבער פאסירט אז געציילטע טעג פאר׳ן ברית, איז ר׳ קלמן׳ס פאטער נפטר געווארן, און ער האט טאקע א נאמען געגעבן פאר׳ן קינד ״שמואל זיינוויל״, און עס האט זיך אויס געשטעלט, אז אלעס וואס רבי ר׳ מאיר׳ל זי״ע האט געזאגט פון פאראויס, איז מקוים געווארן.

א מורא׳דיגע מעשה האט מען דערציילט אין פרמישלאן, וואס עס האט פאסירט ביים ציון פון הייליגן צדיק רבי מאיר׳ל מפרמישלאן זי״ע, א וואוילער יונג, אן אפיקורס, איז ארויס מיט עטליכע חברים אויף א שבת׳דיגן שפאציר, און קומענדיג אויפ׳ן אידישן בית עולם, האט זיך דעם אפיקורס פארגליסט צו פאררויכערן א ציגאר, אבער קיין שוועבעלע האט ער נישט געהאט, גייען זיי אזוי שפאצירן אויפ׳ן בית עולם, דארט האבן זיי נישט קיין מורא צו רויכערן אום שבת, ווייל קיין פרומער איד קומט דאך נישט דארטן אויפ׳ן בית עולם אום שבת, און די טויטע שווייגן, אבער עס איז נישטא קיין שוועבעלע,

גייען זיי אזוי צווישן די מצבות, ביז זיי זענען אנגעקומען צום אוהל פונעם צדיק רבי מאיר׳ל, און דער יונג זעט ווי עס לייכט זיך דארטן אינווייניג אן אויל–לעמפל, א נר תמיד, דער אפיקורס דערפרייט זיך, און ער לויפט שנעל אריין אינעם אוהל, ער הויבט אויף די האנט מיט׳ן

ציגארעטל און ברענט עס אן אויפ'ן פייער, און אט וויל ער שוין צולייגן דאס ציגארעטל צום מויל און עס רויכערן, אבער וואס איז דא אזוינס געשען, דער בחור קען נישט רירן מיט די האנט, די האנט איז אים געלעמט געווארן אויפ'ן ארט רח"ל, עס האבן נישט געהאלפן קיין דאקטורים און קיין בעדער, דער בחור איז אזוי געבליבן זיין גאנצן לעבן מיט א געלעמטע האנט ל"ע.

אין א שטאט נעבן פרמישלאן האט געוואוינט אן עושר וועלכער האט געוואלט זיין דער שליח ציבור אינעם גרויסן שטאטישן בית המדרש אין די ימים נוראים, די שטאט איינוואוינער זענען געווען דערקעגן, ווייל ער איז נישט געווען קיין גרויסער ירא שמים און אויך נישט קיין בעל תפלה, אבער זיי האבן מורא געהאט זיך קעגנען צו שטעלן און אפזאגן זיין פארלאנג, ווייל ער איז געווען א גרויסער תקיף,

נאכ'ן בעראטן צווישן זיך וואס צו טוען, איז באשלאסן געווארן, אז זיי וועלן שיקן שלוחים צום צדיק הרה"ק רבי מאיר'ל מפרמישלאן זי"ע צו פרעגן ביי אים אן עצה, און אזוי האבן זיי געטוען, זאגט זיי רבי מאיר'ל, אז וויבאלד עס איז דער שטייגער פון די בעלי תפילות פון אלע ארומיגע שטעט, צו קומען צו אים פאר ראש השנה נאך א ברכה, וועט מסתמא יענער עושר אויך קומען, און דאן וועט ער שוין זען וואס צו טוען,

פאר ראש השנה איז דער עושר טאקע געקומען צו רבי מאיר'ל, און ווען ער האט איבער געגעבן אז ער גייט דאווענען פאר'ן עמוד ראש השנה, האט רבי מאיר'ל אנגעהויבן א שמועס אזוי, "עס שטייט אין זוהר הקדוש אז עס זענען דא דריי ערליי חשובע תפילות, "תפלה למשה", "תפלה לדוד", און "תפלה לעני",

דאס ערשטע די "תפלה למשה" איז א חשובע תפלה, ווייל כאטש משה רבינו האט געהאט שוועריקייטן ביים רעדן, איז ער אבער געווען דער גרעסטער נביא, און דער רבי פון אלע אידן, דאס צווייטע "תפלה לדוד' איז א חשובע תפלה, ווייל דוד המלך האט מחבר געווען הייליגע קאפיטלעך פון תהילים און שיין געזינגען, ער איז געווען דער "נעים זמירות ישראל", ווידער "תפלה לעני" איז חשוב, ווייל אן ארימאן האט א צעבראכן הארץ, און דאס איז חשוב ביים אויבערשטן, ווי דער פסוק זאגט, "לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה" (תהלים נא, יט),

אויך ביי די היינטיגע בעלי תפילות זענען פארהאן די דריי מדרגות, איינער קען מחבר זיין און זינגען שיינע ניגונים און זמירות, און זיין תפלה איז אין די בחינה פון "תפלה לדוד', א צווייטער, כאטש ער קען נישט אזוי שיין זינגען, איז ער אבער א גרויסער צדיק, און זיין תפלה איז אין די בחינה פון "תפלה למשה", ווידער איז דא עמיצער וואס ער איז נישט א צדיק, און נישט א שיינער בעל מנגן, אבער ער איז אן ארימאן מיט א צעבראכן הארץ, און זיין תפלה איז א "תפלה לעני",

יעצט בנוגע צו דיר, ווייסטו דאך דעם אמת, קיין צדיק ביסטו נישט, קיין שיינער בעל מנגן ביסטו אויך נישט, און אויך אן ארימאן ביסטו ברוך השם נישט, אויב דו ווילסט זיין דער בעל תפלה אין די ימים נוראים, מוז איך מתפלל זיין אויף דיר אז דו זאלסט צו קומען צו איינער פון די דריי דערמאנטע מדרגות ביי בעלי תפלה, דו פארשטייסט אליין אז צו מתפלל זיין אז דו זאלסט פלוצלונג ווערן א גרויסער צדיק, אדער א שיינער בעל מנגן, דאס איז א "תפלת שוא", ווייל עס איז נישט מעגליך בדרך הטבע צו ווערן אין פארלויף פון אזא קורצע צייט א גרויסער צדיק, אדער פלוצלונג ווערן א שיינער בעל מנגן,

דאן פארבלייבט פאר מיר איין עצה, און דאס איז מתפלל צו זיין אז דו זאלסט ווערן אן ארימאן, ווייל דאס איז נישט שלא כדרך הטבע אז א גביר זאל איבערנאכט ווערן אן ארימאן, עס טרעפט זיך אפט, ממילא וועט דיין תפלה זיין אין די בחינה פון "תפלה לעני", "ניין, ניין" הייבט אן דער עושר צו שרייען, "איך בין מוחל דעם כיבוד, איך וויל נישט זיין קיין בעל תפלה", און אזוי האט דער צדיק רבי מאיר'ל מיט זיין חכמה געהאלפן די אידן פונעם שטאט מיט זייער פראבלעם,

אמאל האט רבי מאיר'ל געזאגט צו זיין משמש, "גיי ארויס אויפ'ן וועג, און ווען דו וועסט זעהן דורך פארן א וואגן געשפאנט צו צוויי גוטע פערד, זאלסטו אפשטעלן דעם וואגן, דארט וועט זיצן א יונגערמאן מיט'ן נאמען "יעקב", זאלסטו אים זאגן, אז איך הייס אים אריין קומען צו מיר, און א סימן האט ער אז איך ווייס ווי אזוי ער הייסט",

דער משמש האט געטוען זיין שליחות בנאמנות, ער האט זיך געשטעלט אויפ'ן וועג, און ווען ער האט געזען פונדערווייטנס קומען א וואגן געשפאנט צו צוויי פעסטע פערד, האט ער געוואונקען צום בעל עגלה ער זאל זיך אפשטעלן, און האט איבער געגעבן פאר דעם יונגערמאן וואס דער רבי האט באפוילן,

ווען יענער האט געהערט ווי דער רבי האט געוואוסט מיט רוח הקודש צו זאגן אז דא וועט דורכפארן איינער מיט'ן נאמען יעקב, האט ער פארקירעוועט דעם וואגן און איז צוגעפארן צום הויז פונעם רבי'ן צו הערן וואס דער רבי וויל אים זאגן, האט רבי מאיר'ל געזאגט צו דעם יונגערמאן, "איך ווייס אז דו פארסט יעצט צו יענעם און יענעם פריי'ן צו דינגען פון אים אן ארענדע, זאלסטו דיך נישט לאזן פונעם פריי'ן, זאלסט דיך דינגען מיט אים אויפ'ן פרייז ביז ער וועט דיך אראפלאזן דעם פרייז".

דאן האט רבי מאיר'ל אים געבעטן, אז ער זאל מיט אים אריינקומען אין זיין שטאל, אין שטאל האט רבי מאיר'ל אים אנגעוויזן אויף א פאר פערד, זאגנדיג, "די פערד זענען ווערד זיבן רייניש, אבער מאיר'ל האט עס געקויפט פאר פיל ביליגער, וויל איך אז דו זאלסט דיך מיט מיר טוישן, איך גיב דיר די צוויי פערד, און דו גיב מיר אנשטאט זיי דיינע צוויי פערד".

דער יונגערמאן האט געהאט ווייניג חשק צו מאכן דעם געשעפט, ווייל זיינע פערד זענען געווען צוויי געזונטע אנגעגעסענע שטארקע פערד, ווידער רבי מאיר'ל האט פארמאגט א פאר קליינע אויסגעדארטע פערדלעך, און דער יונגערמאן האט זיך פשוט געשעמט צו פארן מיט אזעלכע פערד, אבער ווען רבי מאיר'ל האט אים עטליכע מאל געבעטן און געמוטשעט ער זאל מאכן מיט אים דעם געשעפט, האט ער אים נישט געקענט אפזאגן, און ער האט בלית ברירה געמאכט דעם בייט.

דער יונגערמאן איז געפארן זיין וועג, אינמיטן וועג זענען אים באפאלן א כאפטע רויבער, זיי האבן אים געוואלט בארויבן און דערמארדן ל"ע, אבער ווען זיי האבן געזען זיינע פערדלעך האבן זיי דערקענט אז דאס זענען די פערדלעך פונ'ם באוואוסטן "ראבין", פאר וועמען זיי האבן געציטערט אימת מות, האבנדיג שוין צוזאמען געהערט פון זיינע גרויסע כוחות, האבן זיי געזאגט איינער צום אנדערן, "לאמיר אים בעסער אפלאזן און זיך נישט פארטשעפן מיט דעם ראבין, ווייל ווער עס פארטשעפעט זיך מיט אים האט א שווארצן סוף", די רויבער זענען זיך צולאפן און דער יונגערמאן איז געראטעוועט געווארן.

ווען ער איז שוין געווען אויפ'ן וועג צוריק, איז ער אריין געפארן קיין פרמישלאן צום רבי'ן זיך באדאנקען פאר'ן נס וואס ער האט געהאט צוליב דעם רבי'ן, האט רבי מאיר'ל אים געזאגט, "יעצט וועלן מיר זיך צוריק בייטן, מאיר'ל דארף נישט דיינע פערדלעך, נאר מאיר'ל האט געזען אז דו וועסט זיין אין א סכנה, די רויבער וועלן דיך נאך יאגן, האט מאיר'ל זיך געטוישט מיר דיר, אבער יעצט וועלן מיר זיך צוריק טוישן, פארוואס זאלסטו פארן מיט צוויי אלטע אויסגעדארטע פערד", דער יונגערמאן האט אבער געהאט שכל, האט ער געענטפערט, "רבי, איך וויל מיך נישט בייטן, מיר האבן געמאכט א געשעפט, און געשעפט איז געשעפט און אזוי בלייבט עס".

א בעל דרשן איז אמאל געקומען אויף א שבת קיין פרמישלאן, און ווי דער מנהג איז געווען האט ער געהאלטן א דרשה שבת נאכמיטאג, דער דרשן האט גראדע מצליח געווען און ער האט געזאגט א שיינע דרשה, געפלאכטן מיט דברי חז"ל און טרעפליכע מעשיות אויף די וואכעדיגע סדרה, דער עולם האט אים נאך די דרשה באווארפן מיט יישר כח'ס און קאמפלימענטן.

דער בעל דרשן האט זיך גערישט אויף זונטאג, אז ער וועט דאר אינעם שטאט מאכן א שיינע מטבע, ווייל סוף כל סוף איז דאך אין דעם באשטאנען זיין פרנסה, און ער האט געהאפט אז דער עולם וועט אים באווארפן מיט געלט, אבער צום באדויערן האט זיך דער עולם נישט אנגערופן ווי געוואונטשן, כמעט קיינער איז נישט געקומען געבן קיין געלט פארן בעל דרשן.

דער בעל דרשן איז אריבער געגאנגען צום הייליגן צדיק ר' מאיר'ל זי"ע, און ער האט געזען ווי די בעלי בתים וואס האבן נעכטן געהערט זיין דרשה געבן פאר'ן רבי'ן גרויסע פדיונות, און דער טיש איז פיל מיט געלט, מטבעות, פאפירענע געלטער, א גאנצער הויפן, ווען דער עולם איז ארויס פון רבינ'ס שטוב, האט דער מגיד געפרעגט מיט ביטערניש,

"רבי, וואו איז יושר, איך מאטער מיך אויס, איך פאר ארום פון שטאט צו שטאט, לערן אין ספרים הקדושים און איך גרייט זיך צו לאנגע שעות צו א דרשה, דערנאך זאג איך דעם דרשה און דער עולם האט הנאה, עס קומט אבער זונטאג פארגעסט מען אינגאנצן פון מיר, אבער צום רבי'ן קומט דער גאנצער עולם אומגערופן, און מען ברענגט אסאך געלט".

האט אים רבי מאיר'ל געענטפערט, "חז"ל זאגן אז דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב", רייד וואס קומען

ארויס פון טיפעניש פון הארץ, גייען אריין אין יענעמ׳ס הארץ, דו האסט דאך ליב געלט מיט׳ן גאנצן הארץ, קומט אויס אז די רייד וואס דו רעדסט צום עולם זענען ארום געגומען מיט ליבשאפט צו געלט, און אזוי גייען זיי אריין אין הארץ פון די צוהערער און זיי האבן א השפעה אז זיי זאלן אויך ליב האבן געלט, און דערפאר ווילן זיי נישט ארויסגעבן דאס געלט פון זייערע קעשענעס.

אבער איך, מאיר׳ל, האב פיינט געלט מיט מיין גאנצן הארץ, און די מדה געב איך אריין אין מיינע חסידים, ביז זייער הארץ האט אויך פיינט געלט, וועגן דעם קומען זיי לייגן זייער געלט אויף מיין טיש״.

צדיקי דורו האבן דעם רבין דעם צדיק רבי מאיר׳ל מפרמישלאן זי״ע זייער מכבד געווען, און ער איז געווען זייער בידידות מיט אסאך צדיקים בדורו, מען פארציילט אז איין יאר פרשת בלק איז ביים רבין ר׳ מאיר מפרמישלאן זי״ע געווען א רב, און ר׳ מאיר האט אים מכבד געווען מיט א עלי׳, פאר ער האט געמאכט די ברכה אויף די תורה האט אים די רבי געפרעגט א שאלה, ״וואס איז בלק געווען א איד, אדער א גוי״, דער רב האט געזאגט, אז מסתמא איז ער געווען א גוי, האט די רבי אים געפרעגט, אויב אזוי ווי פאסט עס אז די תורה זאל א נאמען געבן פאר א הייליגע פרשה אין די תורה מיט די נאמען פון א גוי.

נאר איך וועל דיר דאס מסביר זיין מיט א מעשה וואס איך האב געהאט ביי מיין רבין הרה״ק רבי מרדכי מקרעמניץ זי״ע, איינמאל בין איך געפארן צוזאמען מיט א חבר צום רבין קיין מקרעמניץ, אויפן וועג האט זיך אראפ געלאזט א שרעקליכע רעגן אז עס איז נישט געווען קיין מעגליכקייט ווייטער צו פארן, האבן אונז געזיכט א פלאץ ווי צו איבערנעכטיגן, ווען אונז האבן מיר אריין געקלאפט אין איין שטוב, האט א גוי אויף געמאכט, ווען אונז האב מיר געוואלט אוועק גיין, האט דער גוי געבעטן, אויב מיר קענען אפשר יא דארט בלייבן איבער נעכטיגן, און ער האט אונז געגעבן א שיינעם פלאץ ווי צו איבער נעכטיגן.

צופרי ווען מיר זענען אוועק געגאנגען איז געווארן א מחלוקה צווישן מיר מיטן חבר, דער חבר האט געזאגט, ״דאס איז א ערליכער גוי״, אבער איך האב געזאגט, ״דאס איז א אומערליכע גוי״, האבן מיר אפ געמאכט צו פרעגן דעם רבין מקרעמניץ, אז ער זאל זאגן ווער עס איז גערעכט.

ווען מען איז אנגעקומען צום רבין האבן מיר פאר געלייגט אונזער מחלוקה, און די רבי האט מיך געפרעגט פארוואס איך זאג אז ער איז א אומערליכע גוי, האב איך געזאגט, אז דאס איז בפירוש על פי מאמר רשב״י, וואס שרייבט דאך, ״הלכה היא בידוע שעשו שונא ליעקב״, קומט דאך אויס, אז אויב דער גוי וואלט אונז מרחק געווען, וואלט ער געטון לויט די הלכה, דאן וואלט מען געקענט זאגן אז ער איז ״א ערליכע גוי״, אבער וויבאלד דער גוי האט אונז מקרב געווען, קומט דאך אויס אז ער האט געטון קעגן די הלכה, און דערפאר איז ער א אומערליכע גוי, און הרה״ק מקרעמניץ זי״ע האט געזאגט אז איך בין גערעכט.

יעצט לגבי בלק, ער האט דאך גאנץ גוט געוויסט אז אידישע קינדער זענען אנגעזאגט געווארן, ״על תצר את מואב״, אז מען זאל זיך נישט פארטשעפענען מיט מואב, איז פארוואס האט ער געדינגען דעם בלעם צו קומען שעלטן די אידישע קינדער, ער האט דאך נישט געהאט וואס מורא צו האבן פון די אידן אז זיי וועלן עפעס טון פאר אים, נאר ער האט געמיזט טון ווי די הלכה איז אז, ״שעשו שונא ליעקב״, און דערפאר האט ער געריפען דעם בלעם צו שעלטן די אידן, דערפאר איז בלק געווען ״א ערליכע גוי״ און מיט א ערליכע גוי מעג מען אנהייבן די סדרה.

מען דערציילט, אז דער הייליגער אהבת ישראל מוויזשניץ זי״ע איז אמאל געקומען אויף א באזיך צום ברודער הרה״ק רבי משה זי״ע און שטאט שאץ, האט ער געבעטן אז וויל גיין באזוכן די שאצער רעבעצין הרבנית הצדיקת מרים חיה ע״ה טאכטער פון הרה״ק רבי מאיר׳ל מפרמישלאן זי״ע, וואס די טאכטער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות.

האט זיך דער הייליגער אהבת ישראל זי״ע אנגערופן צו די רעבעצין די צדקת, זייט מיך מוחל שאצער רעבעצין, איך וויל אייך פרעגן א שאלה, איך ווייס אז איר זענט א קלוגער פרוי א צדקת מיט א יחסנית, אונז האבן אויך געהאט א רעבצין א גרויסע צדקת הרבנית מרת דבורה ע״ה טאכטער פונעם תורת חיים מקאסוב זי״ע, אבער זי האט נישט געפראוועט מופתים, אבער איר זענט דאך באקאנט פאר פראווען מופתים און איר פירט א ראביסטעווע, פון ווי האט איר די כח צו פועל׳ן ישועות.

האט זי געזאגט, וויזניצער רבי איך וועל אייך ענטפערן, איך האב דאס באקומען פון לייבעלע גנב, און דאס איז

געווען די מעשה, אמאל ווען איך בין געווען א קליין קינד, ערב יום הקדוש איז דורך די גאנצע שטאט אנשים נשים וטף זיך אנצוואונטשען ביי מיין טאטע, און ער איז געזעצן מיט אראפ געבויגענע קאפ און נישט אנגעקוקט די דורכגייערס, און געוואונטשען א יעדן איינעם א גמר חתימה טובה און א לייכטען תענית.

דארט אין שטאט פרעמישלאן איז געווען א איד וואס מען האט אים גערופן לייבעלע גנב, ער האט לײדער עוסק געווען אין גניבות ביי יעדע געלעגענהייט, איז ער אויך געשטאנען און די רייע בעטען א ברכה, און ער האט פארענדערט זיין לבוש כדי די רבי זאל אים נישט דערקענען, אבער ווען ס'איז אנגעקומען זיין רייע, האט מיין הייליגע טאטע אויף געהויבן זיין אויגן און אים געזאגט אה, די ביסט אויך געקומען בעטען א ברכה, זאג מיר וואסערע ברכה זאל איך דיר געבן, האט זיך לייבעלע גנב אנגערופן, רבי גלייבט איר דען אז ס'קען זיין א גניבה אן דעם וואס מ'זאל עס אויסרופען און הימל,

האט מיין טאטע געענטפערט אוודאי, אוודאי נישט, האט לייבעלע גנב ממשיך געווען און געזאגט, וויל דען די רבי אז די גניבה זאל אריין פאלן צו די הענט פון איוואן די גוי, איז דען נישט בעסער אז ס'זאל אריין פאלן און מיינע הענט, האט זיך דער טאטע דער צדיק רבי מאיר'ל צעשמייכלט, און האט אים געוואונטשען אז א גניבה וואס דארף געשען זאל אריין פאלן און זיין הענט,

און ווי באלד איך האב געזעהן אז ס'איז א עת רצון בין איך צו געגאנגען צו מיין טאטע און אים געזאגט, טאטע, גיב מיך אויך א ברכה, אז א יעדער איד וואס דארף געהאלפן ווערן, זאל עס גיין דורך מיר, און מיין טאטע האט מיר טאקע אנגעוואונטשען ,און דאס זענען מיינע כוחות.

די לעצטע שבת בחייו פונעם הייליגען ישמח משה מאוהעל זי"ע האט ער געהאלטן און איין פרעגן צו ס'איז געקומען א איד וואס דארף געהאלפן ווערן מיט קינדער,

און די מעשה איז געווען אזוי, אז ס'איז געווען א איד אין מונקאטש ר' יוסף זרח הורוויץ ע"ה, וואס האט נישט געהאט יארן לאנג קיין קינדער, איז ער געפארן צום צדיק ר' מאירל מפרמישלאן זי"ע זיך מזכיר זיין אז ער זאל שוין געהאלפן וורן מיט א קינד, האט אים ר' מאירל געזאגט, פאר אויף אוהעל צום ישמח משה זי"ע, ווייל ער איז דער איינציגער וואס קען דיר העלפן, אבער פאר גלייך קיין אוהעל און שטעל דיך נישט אפ און ערגעץ,

אבער די ווייב האט צו גערעדט איר מאן, אז ער זאל יא בלייבן אינדערהיים אויף שבת, און נאך שבת וועט ער פארן ווייטער קיין פרמישלאן, האט דער איד געפאלגט דאס ווייב אין געבליבן אויף שבת אינדערהיים, אבער למעשה איז דער ישמח משה זי"ע נפטר געווארן יענעם שבת, און ער האט פארפאסט זיין געלעגענהייט,

ר' יוסף זרח האט דעמאלט געלאזט בויען א ביהמ"ד אין מונקאטש לשמו ולזכרו, און אויס געהאלטן עשרה בטלנים צו לערנען דארט, און דעם ביהמ"ד האט מען גערופען "דאס קליינע ביהמ"ד".

**יארצייט**
**מיטוואך א׳ סיון**

**הגה״ק רבי אליעזר דוד ב״ר עמרם זי״ע, (גרינוואלד),**
**בעל קרן לדוד, אב״ד סאטמאר,**

ער איז געבוירן אין שטאט טשארנא אונגארן, י״ד שבט בשנת תרכ״ז,

צו זיין טאטן הגה״ק רבי עמרם גרינוואלד זי״ע,
בן הגה״ק רבי יוסף אב״ד טשעטשאווין זי״ע,
א שוואגער מיט דער גאון הגה״ק רבי עמרם רוזנבוים זי״ע, הנקרא בפי כל ״עמרם חסידא״, וואס ליגט אונעם ביה״ח הישן אין צפת, נעבן דעם הייליגען אלשיך הקדוש זי״ע,
מגזע הגה״ק רבי מאיר ב״ר יצחק אשכנזי בעל פנים מאירות מאייזענשטאט זי״ע,
ומגזע הגה״ק רבי צבי אשכנזי בעל חכם צבי מלבוב זי״ע,
ומגזע הגה״ק רבינו יהודה ליווא בעל מהר״ל מפראג זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת אסתר ע״ה,

ער איז געווען א גאון מפורסם און א צדיק נשגב און א מופת הדור און א לוחם מלחמת השם קעגן די פושעים ומתחדשים בדורו מיט א מסירת נפש, ער האט מתקן געווען גאר אסאך תיקונים גדולים און זיין שטאט,דער צדיק האט זיך מורא'דיג אוועק געגעבן אז מען זאל זיך מיט אלעם פירן ווי אזוי מען האט מקבל געווען מדורות ראשונים, ער האט אויף געשטעלט בתי מדרשים און בתי תפילה אינעם שטאט, זיין עבודת התפילה איז געווען מיט א געוואלדיגע דביקות און התלהבות און בדמעות שליש וואס הונדערטער אידן זענען נתעורר געווארן לתשובה ורבים השיב מעון,

זייענדיג רב אין שטאט סאטמאר האט ער געהייסן אויס ריפען א איסור צו קויפן אין די געשעפטען פון די פושעי ישראל וואס זענען ליידער געווען אפען שבת קודש, און די רשעים האבן אריין געגעבן א קלאגע אין געריכט, אז דער רבי מאכט זיי שאדן, האט זיך דער גאון און צדיק אויפגעשטעלט און גזאגט, אז ער איז גרייט צו גיין אין תפיסה אויף שמירת שבת קודש, און איינע פון די פושעי ישראל האבן זיך דאן מוראדיג מיעס מתחצף געווען קעגן דעם גאון, און נישט אסאך נאכדעם האט דער חצף געהאט א מיתה משינה רח״ל,

אויך האט ער מיט א מסירת נפש געבויעט בתי מדרשים און מקום תפילות אונעם שטאט און זיך אליינס אפ געגעבן און צוזאמען געשטעלט געלט פאר דעם, כדי די אידן אונעם שטאט זאלן קענען דינען דעם גרויסן באשעפער, אויך האט ער מרביץ תורה געווען מיטן גאנצן כח און אריינגעלייגט אין די תלמידים יראת השם און אהבת השם, זיינע תפילות זענען געווען מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש און א געוואלדיגע נעימות וואס האט אלע ארומיגע מעורר געווען צו תשובה,

אלס בחור האט ער געלערנט ביי זיין גרויסן ברידער הגה״ק רבי משה גרינוואלד בעל ערוגת הבושם אב״ד חוסט זי״ע, דארט האט דער גאון געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, דאס פשעטיל ביי זיין בר מצוה האט דער גאון אליין געמאכט, און די גדולים וגאונים האבן גאר שטארק באוואונדערט זיין גדלות וחריפות בתורה אפילו זייענדיג א יונג בחור,

בשנת תרמ״ב איז ער געפארן לערנען אינעם ישיבה פון הגה״ק רבי שמואל עהרענפעלד בעל חתן סופר אב״ד מאטערסדארף זי״ע, און דארט איז ער ווייטער געוואקסן בתורה, און נישט לאנג האט גענומען ביז דער גאון איז געווען פארעבענט פון די גרעסטע לומדים און גאונים אין ישיבה, עד כדי כך אז מען האט דעם גאון א נאמען געגעבן ״רבי אליעזר חריף״,

בשנת תרמ״ט האט דער גאון וקדוש חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת פערל ע״ה,
בת הרה״ח רבי יעקב ראפאפורט מבארדיוב זי״ע,

נאך די חתונה האט ער געוואוינט פאר 5 יאר אין שטאט בארדיוב, דארט האט דער גאון עוסק געווען בתורה ועבודת השם יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה, דארט האט ער אויפגעשטעלט זיין ישיבה, און מרביץ תורה געווען מיט א מוראדיגע מסירת נפש, ער האט דארט געהאט תלמידים גאונים וגדולים מופלגים בתורה,

בשנת תרנ״ד האט ער באקומען סמיכה להוראה פון די גדולים בדורו ובתוכם, זיין הייליגע ברודער הגה״ק רבי משה בעל ערוגת הבושם מחוסט זי״ע, הרה״ק רבי חנני׳ יו״ט טייטלבוים בעל קדושת יום טוב מסיגעט זי״ע, הגה״ק רבי נתן נטע לאנדא בעל עורה שחר אב״ד אושפיצין זי״ע, הרה״ק רבי שלמה הראשון מבאבוב זי״ע, הגה״ק רבי יהודה גרינפעלד בעל קול יהודה אב״ד סעמיהאלי זי״ע, וואס אלע האבן מעיד געווען אויף זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה,

ער האט זיך מסתופף געווען בצלו פון די צדיקי הדור ובתוכם,

הרה״ק רבי יהושע רוקח מבעלזא זי״ע,
הרה״ק רבי ישכר בער מבעלזא זי״ע,
הרה״ק רבי יחזקאל בעל דברי יחזקאל משינאווא זי״ע,

בשנת תרנ״ה איז ער אריבער מרביץ תורה זיין אין די ישיבה פון זיין גרויסע ברודער אין חוסט, וואס דארט האבן געלערנט אסאך גאונים און תלמידי חכמים, דארט האט דער נאמען פונעם גאון שוין גע'שם'ט אלס גדול וגאון בתורה, רוב גדולים און גאונים האבן דעם גאון שטארק מכבד געווען און מעריץ געווען,

בשנת תרנ״ז האט מען דעם גאון אויף גענומען אלס דומ״ץ אין שטאט סערדאהעלי, אויך איז ער דארט געווען ראש ישיבה, הונדערטער תלמידים זענען געקומען לערנען ביי דעם גאון, אויך האט ער דארט אין שטאט אויף געשטעלט א תלמוד תורה, און אריין געברענגט דארט דעם הייליגען דרך החסידות,

בשנת תרס״ו האט מען דעם גאון אויף גענומען אלס אב״ד אין שטאט צעהלים, דארט האט ער ווייטער מרביץ תורה געווען, ער האט גאר שטארק מקפיד געווען אז תורה לערנען זאל גיין צוזאמען מיט מוסר, ווייל א איד אן מוסר קען נישט זיין קיין אמתע ערליכע איד,

בשנת תרע״ב האט מען גערופען דעם גאון אז ער זאל נעמען דאס רבנות אונעם שטאט אבערווישא ראמעניע, אבער די אידן פון צעהלים האבן דעם גאון נישט געוואלט לאזן גיין, איז דער גאון געפארן צו הרה״ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי״ע און זיך שואל עצה געווען וואס ער זאל טון, און דער בעלזא רב האט געזאגט, אז ער

זאל גיין קיין אבערווישא און געגעבן א ברכה "שיזכה להרחיב גבולי התורה והיראה בעירו".

בשנת תרע"ג איז ער געווארן רב אין שטאט אבערווישא, און די ברכה פונעם צדיק מבעלזא איז מקוים געווארן, און די ישיבה דארט איז געווען פון די גרעסטע ישיבות און ראמעניע, דארט האט דער גאון לוחם געווען קעגן "לוקסוס", און ער האט אסאך אויף געטון דארט אין שטאט פאר אידישקייט.

ב' דר"ח אדר ב' בשנת תרפ"א האט מען דעם גאון אויף גענומען אלס אב"ד סאטמאר, ער איז דאן געווען פארעכנט אלס איינע פון די גרעסטע גדולים וצדיקים בדורו, דארט איז זיין ישיבה געוואקסן צו איינע פון די גרעסטע ישיבות אין אירופה, בחורים גאונים וגדולים בתורה זענען געקומען פון אלע שטעט ארום לערנען ביי דעם גאון וגדול בתורה, דער גאון איז געווען א בעל דרשן נפלא, ער האט איבער גענומען אלע וואס זענען געקומען הערן זיינע דרשות און דברי מוסר.

הרה"ח ר' יחזקאל משולם שאמועל ז"ע פון שטאט סאטמאר, וואס איז געווען פון די חשובע תלמידים פונעם רבין האט פארציילט, די שמחה וואס איז געווען דארט אין שטאט מיטן אנקום פונעם נייעם רב, דער גאנצער שטאט איז זיך צוזאמגעקומען אפגעבן דעם כבוד הראי פארן גרויסן גאון, אפילו אידן פון די ארומיגע שטעט זענען געקומען מיט האלטן דעם קבלת פנים.

צוליב די גרויסקייט פונעם שטאט האט דער נייער רב איינגעפירט צו דאווענען יעדן תפלה שבת קודש אין א אנדערן ביהמ"ד, און ווי דער רב איז געקומען האבן זיך צוזאמען גענומען הונדערטער אידן מיט צו האלטן די געהויבענע תפילות פונעם רב.

אויך האט ער דארט אין שטאט זיך אריין געלייגט און מתקן זיין אלעם וואס די שטאט האט געברויכט, ער האט דאן פאראכטען די עירוב פארן שטאט אז עס זאל זיין על צד היותר טוב ומשובח, אויך האט ער אויף געשטעלט א תלמוד תורה פאר תשב"ר און בתי חינוך פאר די מיידלעך, בשנת תרפ"ז האט מען דעם גאון אויך אויף גענומען אלס רב אין שטאט פאפא, אבער דער רב איז רוב צייט נאר געווען אין שטאט סאטמאר, וויבאלד זיין הארץ איז געווען מיט די תלמידים פון זיין ישיבה.

ווי ערוועגט האט דער גאון געפריט א מלחמה קעגן די פושעי ישראל וואס האבן געהאלטן אפען זייערע געשעפטן אום שבת.

דער רב האט קודם פראבירט מיט שיינעם און גערעדט צו די מענטשן אז זיי זאלן פארמאכן די געשעפטן, אבער ווען דער גאון האט געזען אז די פושעים ווילן זיך נישט צושטעלן, איז ער ארויס מיטן הארבסטן און געלייגט א איסור צו קויפן ביי די אידן, פארשטייט זי אז יעדער אונעם שטאט האט זיך צוריק געהאלטן פון איינקויפן ביי די געשעפטן, און די אלע האבן זיך געמיזט פארמאכן.

ער האט דארט לוחם געווען קעגן די ארגני המזרחי און מפרסם געווען זיין דעת תורה אז זיי זענען פינקט ווי די ציונים, און אפילו זיי זאגן אז מען טוט דאס לטובת הכלל און ער האט זיי גע'אסר'ט דריסת רגל ביי זיך אין ביהמ"ד.

זיין ישיבה האט ער געפירט מיט א געוואלדיגע ליבשאפט צו זיינע תלמידים, ער פלעגט די תלמידים רופן "מיינע טייערע קינדער", ספעציעל האט ער מקרב געווען די תלמידים וואס זענען געקומען פון ארימע משפחות, ער האט זיך אוועק געגעבן מיט זיין גאנצע כח און מרביץ תורה געווען מיט א מסירת נפש ממש, ער האט אריין געלייגט אין זיינע תלמידים אהבת התורה און יראת שמים.

זיין עבודת הצדקה איז געווען גאר גרויס, ער האט פון זיין אייגענע געלט געגעבן גרויסע סכומים פאר ארימע משפחות, עד כדי כך אז די ראשי קהלה האבן געמיזט צו טיילען דעם געהאלט, איין חלק האבן זיי געגעבען גלייך פארן רעבעצין, כדי זי זאל האבן פון ווי צו לעבן, ווייל אויב איז עס אנגעקומען צום רב איז פון דעם גארנישט געבליבען פאר זיך, אויך האט ער דארט אין שטאט געגרינדעט א מושב זקנים פאר די עלטערע אידן, און דער רב האט זיי פארזארגט מיט אלעם וואס זיי האבן געברויכט.

זיין עבודת התפילה איז געווען מיט א געוואלדיגע התלהבות און דביקות נפלא, יעדער וואס האט נאר געהאט די זכי' צו זיין אין ביהמ"ד בשעת דער צדיק האט געדאווענט איז נתעורר געווארן, דאס גאנצע דאווענען איז צו געגאנגען מיט בכיות און מען האט געזען ווי דער צדיק איז שופך שיח לאדון כל, זיין עבודת הקודש אין די ימים נוראים איז געווען מיט א פחד און חרדת יום הדין, און דער גאון האט מעורר געווען אידן צו תשובה און תיקון המעשים, אויך זיין עבודה פסח ביינאכט ביים זאגן שיר השירים איז געווען בדמעות שליש, עס האט זיך ממש געגאסען טרערן אן א שיעור.

בשנת תרפ"ז האט דער גאון אנגעהויבן שרייבן זיין הייליגע ספר קרן לדוד וואס איז געווען שו"ת אויף גאר אסאך הלכות, אבער ליידער האט דער גאון נישט זוכה געווען צו ענדיגען דעם ספר בעפאר ער איז נסתלק געווארן, און עס איז צוגענדיגט געווארן אפאר יאר נאך זיין הסתלקות.

הרה"ק רבי יוסף גרינוואלד בעל ויחי יוסף מפאפא זי"ע וואס איז געווען א נעפיא און א תלמיד מובהק פון דעם הייליגען קרן לדוד זי"ע האט געזאגט, אז דער פעטער דער קרן לדוד איז געווען פון די גדולי הדור, אבער מיט דעם אלעם האט ער אויף זיין ספר קרן לדוד גענומען א הסכמה פון הגה"ק רבי מרדכי לייב ווינקלער בעל לבושי מרדכי אב"ד מאד זי"ע, ווייל דער הייליגער חתם סופר זי"ע האט געזאגט, אז מען זאל נישט מדפיס זיין קיין ספר אן קיין הסכמה.

שבת קודש פרשת במדבר איז דער גאון ליידער קראנק געווארן אויפן הארץ, און ער האט גלייך געפילט אז עס איז געקומען זיין צייט צו פארלאזען די וועלט, מען האט געזען אויפן התנהגות אז ער גרייט זיך צו מיט א קדושה און טהרה.

ליידער האט ער נישט איבער געלאזט קיין קינדער נאך זיך, און ביים הספד פון הרה"ק רבי שלמה זלמן עהרנרייך בעל אבן שלמה אב"ד שאמלויא זי"ע, הי"ד, האט ער מעורר געווען די אידן צו תשובה בענין צניעות און געזאגט, אז דער צדיק ווערט אנגערופען "דער מלבוש הדור" און דער באשעפער האט אונז באשטראפט מיטן צונעמען די מלבוש הדור דעם צדיק וואס האט מגין געווען אויפן דור, ווייל מען פירט זיך נישט בצניעות.

נסתלק לגנזי מרומים ראש חודש א' סיון בשנת תרפ"ח, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט סאטמאר.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## יארצייט
## דאנערשטאג ב׳ סיון

## הרה״ק רבי חיים אלעזר ב״ר צבי הירש זי״ע, (שפירא), בעל מנחת אלעזר, ממונקאטש,

ער איז געבוירן אין שטאט סטריזוב, ה׳ טבת בשנת תרל״ב,

צו זיין טאטע הרה״ק רבי צבי הירש שפירא בעל דרכי תשובה ממונקאטש זי״ע,
בן הרה״ק רבי שלמה שפירא בעל שם שלמה ממונקאטש זי״ע,
בן הרה״ק רבי אלעזר מלאנצהוט זי״ע,
בן הרה״ק רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר מדינוב זי״ע,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת אסתר ע״ה,
בת הרה״ק רבי חנינא הורוויץ מאילנוב זי״ע,
בן הרה״ק רבי יעקב ממעליץ זי״ע,
בן הרה״ק רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מרופשיץ זי״ע,

די מאמע די צדקת מרת אסתר ע״ה האט נאך זוכה געווען צו זיין ביי די עלף יאר ביים הייליגען פעטער הרה״ק רבי אליעזר מדזיקוב זי״ע,

דער הייליג קינד דער מנחת אלעזר זי״ע איז געבוירן געווארן דורך א ברכה פונעם הייליגען דברי חיים מצאנז זי״ע, דער זיידע דער הייליגער שם שלמה זי״ע איז איינמאל אריין צום צאנזער רב, און געבעטן א ברכה פאר זיין זון דער הייליגער דרכי תשובה פאר קינדער, און דער הייליגער צאנזער רב האט געזאגט, ״דיין זוהן וועט האבן קינדער״, און צום יאר איז געבוירן געווארן דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע,

דער מנחת אלעזר האט געהאט די זכי׳ עטליכע מאל צו זיין ביים הייליגען צאנזער רב זי״ע, און דער צאנזער רב האט פארן קינד ארויס געוויזן א געוואלדיגע אהבה, ער איז איינמאל געזעצן אויפן שויס פונעם הייליגען צאנזער רב, און דער הייליגער צאנזער רב האט געזאגט אויף דעם קינד, ״ער וועט אויסוואקסן אן אונגארישער גדול״,

ביים ברית האט מען דעם קינד געגעבן דעם נאמען אלעזר נאכן הייליגען זיידן הרה״ק רבי אלעזר מלאנצהוט זי״ע, און ביי די דריי יאר איז דער קינד זייער קראנק געווארן, און על פי הוראת הרה״ק מצאנז זי״ע האט מען דעם קינד צוגעגעבן דעם נאמען חיים, און צדיקים האבן געזאגט, אז די קראנקהייט איז געווען א גורם פון עין הרע, ווייל דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע, האט שוין ביי די דריי יאר אלט געקענט דעם גאנצן ניסוח התפילה בעל פה, און דאס האט ארויס גערופן גרויס וואונדער ביי די אידן פון שטאט, און דאס האט געשאדט פארן קינד,

ער איז געווען א שר התורה א גאון הגאונים און א בקי וחריף נפלא בכל מקצועות התורה, וכל רז לא אניס ליה, ער איז געווען א איש קדוש מאוד, א צדיק הדור, רשכבה״ג, ולוחם מלחמת ד׳ במסירת נפש, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ווען עס איז געקומען צו לוחם זיין פארן באשעפערס נאמען, האט דער צדיק זיך ארויס געשטעלט מיט א געוואלדיגע שטארקייט, ער האט זיך פאר קיינעם נישט דערשראקען, נישט קיין חילוק ווי גרויס יענער איז געווען, נאר ער האט מפרסם געווען דעם אמת אן קיין מורא,

ער איז באקאנט געווען אלס א גאר שארפע איד, סיי ווען עס איז געקומען צו א הלכה, און סיי ווען עס איז געקומען צו א מנהג וואס מען האט מקבל געווען פון דורות איז עס געווען ביי אים חק ולא יעבור,

איינמאל איז דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע געווען ביים צדיק ומופת הדור רבי ישעי׳ מקרעסטיר זי״ע, מען האט זיך געזעצט צו א סעודה, רבי ישעי׳לע האט זיך געוואשען, ער האט געמאכט א ברכה אויפן חלה, אבער בעפאר ער האט אנגעהויבן עסן פונעם חלה, האט ער ארויס גענומען א גרויסע שטיק ווייסע חלה, און עס געטראגען פאר א איד ביים עק פונעם טיש,

אביסל שפעטער האט דער הייליגער מנחת אלעזר וואס האט מקפיד געווען אויף יעדע הלכה פון שולחן ערוך אן קיין קינצען געפרעגט פון רבי ישעי׳לע, היתכן די רבי האט מפסיק געווען נאכן ברכה און געטראגן די חלה פאר דעם איד פאר ער האט טועם געווען פונעם חלה, עס איז דאך קעגן די הלכה פון שולחן ערוך וואס זאגט, אז מען ברויך גלייך נאך די ברכה עסן,

האט רבי ישעי׳לע זי״ע וואס האט זיין גאנץ לעבן נאר געלעבט פאר א אנדערן איד געזאגט, ווען איך האב געמאכט דעם ברכת המוציא, האב איך געזען ביים עק טיש, אז דער איד איז זייער הונגעריג, און אויך אז עס פעלט פאר דעם איד כמעט אלע ציין, דערפאר האב איך גלייך ארויס גענומען א גרויס חלק ווייסע חלה, כדי דער איד זאל האבן ווייסע חלה, וואס דאס קען ער יא עסן,

האט דער הייליגער מנחת אלעזר געזאגט, דאס איז די עבודה פונעם קרעסטירער צדיק, ווייל איך האב אפילו נישט געזען אז דער איד איז הונגעריג, און אז ער האט נישט קיין ציין, אבער רבי ישעי׳לע וואס דער הייליגער צאנזער רב זי״ע האט אויף אים געזאגט ״טוב עין הוא יבורך״, האט דאס גלייך געזען, ווייל זיין הארץ איז אייביג געווען מיט כלל ישראל, און דער צדיק רבי ישעי׳לע האט געפילט יעדן איד׳ס צער,

שוין אלס יונג קינד האט מען געזעהן אויפן קינד אלעזר, אז דא וואקסט א גדול הדור, ער האט געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, און ביי די ניין יאר האט ער שוין געקענט די דריי בבות גמרא רש״י תוספות ישר והפוך,

איינמאל איז דער טאטע דער הייליגער דרכי תשובה זי״ע געפארן פאר זיין געזונט צו א שטאט צוזאמען מיט זיין קינד דער מנחת אלעזר זי״ע, האבן זיי דארט אין שטאט געטראפן הרה״ק רבי אברהם חיים מפלאנטש זי״ע, וואס איז געווען מפורסם אלס איינע די גרויסע גדולים בתורה בדורו, האט דער דרכי תשובה געבעטן דעם גאון רבי אברהם חיים, אז ער זאל פארהערן דעם זוהן וואס איז דאן געווען זיבן יאר אלט,

דער גאון האט געפרעגט דעם קינד אויב ער קען גוט די ד׳ שומרים פון מסכת בבא מציעא, אבער דער טאטע האט געבעטן דעם גאון אז ער זאל באמת פארהערן דעם זוהן עפעס מער ווי דאס,

האט דער גאון געפרעגט דעם קינד, וואסערע מסכת ער לערנט יעצט, האט דער קינד געזאגט, ״מסכת גיטין האב איך דורך

געלערנט״, האט דער גאון געפרעגט דעם קינד, ״ווייסטו וויפיל מחלוקות עס איז דא אין דעם מסכת צווישן רש״י און תוספות״, דער קינד האט גלייך געזאגט 57 מחלוקות זענען דא, האט דער גאון געזאגט די האסט פארפאסט איינס ווייל עס איז דא 58 יאר,

האט דער קינד געזאגט פארן צדיק רבי אברהם חיים זי״ע אויף דעם איין מחלוקה זאגט שוין דער מהרש״א בפירוש, אז יעדער איינער איז אייניג אויף דעם און עס איז נישט דא קיין מחלוקה דארט, דער צדיק מפלאנטש איז זייער נתפעל געווארן פון דעם גאונות וחריפות פון דעם קינד, און גענומען דעם קינד און געגעבן א קיש אויף די שטערן און געזאגט, ״דו זאלסט אזוי געזונט זיין, ווי געדעכט דו בוסט״,

ער איז געווען א תלמיד פון הגה״ק רבי אברהם חיים מפלאנטש זי״ע, און הרה״ק רבי יהושע מדז׳יקוב זי״ע, און דיביידע צדיקים האבן באוואונדערט דעם גדלות און קדושה פון דעם תלמיד רבי חיים אלעזר,

ער איז געווען א זעלטענער מושלם, א גאון אדיר, ער איז געווען פארעכענט צווישן די גרויסע פוסקים בדורו, און שוין ביי די זעכצן יאר האט זיך דער מנחת אלעזר זי״ע געשריבען חידושי תורה און שו״ת מיט אסאך באקאנטע גדולים, ובתוכם הגה״ק רבי יצחק אלחנן ספעקטור בעל באר יצחק זי״ע, וואס האט ממש באוואונדערט זיין גדלות בתורה,

בשנת תרמ״ז האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת חיה האשא ע״ה,
בת הגה״ק רבי שרגא יאיר ביאליברזיק זי״ע,
ליידער איז דורך צען יאר און די רעבעצין האט קיין קינדער נישט געקענט האבן, האט ער איר אפ גע׳גט,

חשון בשנת תרס״ז האט ער חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת רחל פערל ע״ה,
בת הרה״ק רבי יעקב משה סאפרין מקאמארנא זי״ע,
בן הרה״ק רבי אליעזר צבי מקאמארנא זי״ע,
און פון דעם זיווג האט דער מנחת אלעזר געהאט איין טאכטער הצדקת מרת חיה פרימא רבקה ע״ה,
אשת הרה״ק רבי ברוך יהושע ירחמיאל רבינוביץ זי״ע,
בן הרה״ק רבי נתן דוד רבינוביץ מפארציווא זי״ע,

די חתונה פון דעם טאכטער איז געווען די גרויסע חתונה י״ז אדר בשנת תרצ״ג, וואס כמעט אלע רבנים און צדיקים פונעם דור זענען זיך געקומען באטייליגען לכבודו פונעם הייליגען מנחת אלעזר זי״ע,

כ״א סיון בשנת תרנ״ג איז די זיידע הרה״ק רבי שלמה שפירא בעל שם שלמה זי״ע נסתלק געווארן, דאן איז די טאטע הרה״ק רבי צבי הירש בעל דרכי תשובה זי״ע געווארן רב אין מונקאטש, און דאן איז דער זוהן דער מנחת אלעזר געשטאנען צו די האנט פונעם טאטן מיטן פיגן די קהלה קדושה אין מונקאטש,

אויך איז ער דאן אסאך געפארן מיטן טאטן צום צדיק הדור דער הייליגער דברי יחזקאל משינאווא זי״ע, בשנת תרנ״ו האט דער הייליגער שינאווער רב געגעבן פארן מנחת אלעזר דעם סידור על דרך הקבלה ״חמדת ישראל״ פון המקובל הרה״ק רבי חיים וויטאל זי״ע אז ער זאל דאס איבער דריקען, און בשנת תרס״ה האט דאס דער הייליגער מנחת אלעזר געדריקט,

ט״ז תשרי בשנת תרע״ד איז דער טאטע דער הייליגער דרכי תשובה זי״ע נסתלק געווארן, און דאן האט דער הייליגער מנחת אלעזר איבער גענומען דאס רבנות אין מונקאטש, און דאן איז די חסידות מונקאטש געוואקסן מורא׳דיג גרויס, טויזנטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש,

ער איז דאן אויך געווען באוויסט אלס א גרויסע בעל מקובל, און אסאך מקובלים בדורו האבן באוואונדערט זיין גדלות אין קבלה און האבן אים זייער מכבד געווען,

ביים ערשטע וועלט מלחמה איז מונקאטש געווען גאר נאנט צו די שלאכטן שטעט, און טויזנטער אידן זענען אנטלאפען קיין מונקאטש, און דער הייליגער מנחת אלעזר האט א געוואלד עוסק געווען צו העלפן די אידן די פליטים פון גאליציה, און פסח בשנת תרע״ה האבן אסאך פליטים און אויך אידישע סאלדאטן געפראוועט דעם סדר נאכט ביים הייליגען מנחת אלעזר זי״ע,

ווי באקאנט האט מען זייער מורא געהאט אז די רוסישע מיליטער וועט אריינקומען אויך אין מונקאטש, אבער דער הייליגער מנחת אלעזר האט די גאנצע צייט געזאגט פאר די אידן אין שטאט, אז מען זאל נישט מורא האבן און נאר האבן אמונה אונעם גרויסן באשעפער, אז זיי וועלן אין מונקאטש נישט אריין קומען, און טאקע בדרך נס ממש זענען די רוסישע געפאלן גאר נאנט צו מונקאטש, און די שטאט מענטשן פין מונקאטש זענען געראטעוועט געווארן פון די מלחמה,

בשנת תרפ״ב האט דער הייליגער מנחת אלעזר אויף געשטעלט זיין גרויסע ישיבה דרכי תשובה על שמו פון זיין הייליגען טאטן זי״ע, די ישיבה איז געווען פון די גאר גרויסע ישיבות בימיו, עס איז געווען קרוב צו 300 תלמידים גרויסע גאונים און תלמידי חכמים,

ער איז געווען פון די גרעסטע לוחמים קעגן אגודת ישראל און קעגן ציונות, ער האט מפרסם געווען אז די וואס זענען זיך מחבר צו אגודת ישראל זענען ווי מען דינט עבודה זרה און מען דארף זיך פון זיי אפטיילן, מיט דעם אלעם האט ער אסאך געלט געשיקט קיין ארץ ישראל פאר די ערליכע אידן, אויך האט ער געגרינדעט א כולל תפארת צבי אין די געגענט פון בתי מונקאטש אין ירושלים,

בשנת תר״צ איז דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע געפארן קיין ארץ ישראל זיך צו טרעפן מיטן בעל מקובל הגה״ק רבי שלמה אליעזר אלפנדרי זי״ע וואס ער איז מיט אים מקושר געווארן דורכן בעל מקובל הרה״ק רבי ישעיה אשר זעליג מרגליות זי״ע, וואס איז געווען גאר נאנט מיט די צוויי מקובלים, דאס באגעגענען איז פאר געקומען אין צייט פון ל״ג בעומר, און אפאר וואכן שפעטער כ״ב אייר בשנת תר״ץ איז דער מקובל הגה״ק רבי שלמה אליעזר זי״ע נסתלק געווארן,

דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע פלעגט יעדעס יאר ז׳ אדר פארן קיין קאלוב צום יארצייט פון רבי אייזיק׳ל קאלובער זי״ע, און דאן איז ער געגאנגען באזיכן דעם ישיבה פון הרה״ק רבי מנחם בראדא

בעל באר מנחם מקאלוב זי"ע, און מען האט אים זייער מכבד געווען דארט און עס איז געווען א גאר חשובע טאג אונעם ישיבה פאר די בחורים מיטן אנקום פונעם מנחת אלעזר זי"ע,

איינמאל איז דער מנחת אלעזר געפארן קיין פולין פאר אן אסיפה, זענען דארט געווען אידן וואס האבן דעם צדיק געוואלט טשעפענען, האבן זיי געפרעגט פונעם מנחת אלעזר "וועמענס אייניקל זענט איר", ווי צו פרעגן וואס זיין יחוס איז און צו ער איז א בנש"ק, האט ער מיט זיין גרויס חכמה צוריק געענטפערט "איך בין דער זיידע אליין",

איינמאל איז די מלכה פון האלאנד געקומען פאר א ביקור צום הייליגען מנחת אלעזר זי"ע וואס איז געווען באוויסט סיי ביי אידן און אויך להבדיל ביי די גוים מיט זיין געוואלדיגע בקיאות און חריפות סיי אין תורה און סיי אין וועלטליכע ענינים, און דער צדיק האט אויף גענומען די מלכה צוליב כבוד המלכות, אויך האט ער דאס גענוצט צו קענען אויפטון גרויסע טובות פארן כלל,

ווען די מלכה איז אריין און געזעהן די אלע ספרים שענק וואס זענען אלע געווען פיל מיט ספרים, האט זי געפרעגט דעם צדיק, אויב ער קען די אלע ספרים, האט דער צדיק געזאגט אז ער קען די אלע ספרים גאר גוט און אפלו בעל פה, און ער איז גרייט מען זאל אים פארהערן און זעהן אויב ער קען דאס טאקע, און דאס האט דער צדיק געטון כדי צו מאכן א קידוש השם און ווייזן פאר א גוי וואס תורה טוט פאר א איד,

אבער וויבאלד די מלכה האט דאך נישט געקענט קיין לשון קודש, האט דער צדיק געזאגט אז מען זאל אים פארהערן די שער בלאט פון ספרים ווי עס שטייט ווער עס האט ארויסגעגעבן די ספר און די יאר און פלאץ ווי מען האט דאס ארויסגעגעבן, מען האט אן געהויבען אויף מאכן איין ספר נאכן אנדערן, און דער צדיק האט געענטפערט איינס נאכן אנדערן מיט א געוואלדיגע פונקטליכקייט,

די מלכה איז זייער נתפעל געווארן פון דעם געוואלדיגען זכרון פונעם צדיק, אבער זי האט געוואלט אביסל מער אויספרובירן דעם זכרון פונעם צדיק, האט זי געטראפן א ספר וואס איז געלעגן גאנץ באהאלטן און געווען גאר שטויביג, האט מען דעם ספר גענומען און געפרעגט דעם צדיק אויפן שער בלאט, פארשטייט זיך דער צדיק האט גלייך געענטפערט די גאנצע זאך פונקטליך, די מלכה איז ארויס פון גרויס התפעלות און זייער רעספעקטירט דעם צדיק.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חיבורים, ספר אות חיים, ספר אות שלום, ספר חיים ושלום,שו"ת מנחת אלעזר, ספר שער יששכר,

ער האט איבער געלאזט נאך זיך זיין בת יחידה,
הצדקת מרת חיה פרימא רבקה ע"ה, אשת הרה"ק רבי ברוך יהושע ירחמיאל רבינוביץ זי"ע,
און די טאכטער האט געהאט 5 קינדער,
בנו בכורו מו"ה רבי צבי נתן דוד זי"ע,
בנו מו"ה רבי חיים אלעזר זי"ע,
בנו אדמו"ר ממונקאטש רבי משה יהודה ליב רבינוביץ שליט"א,
בנו אדמו"ר מדינוב רבי יצחק יעקב רבינוביץ שליט"א,
בתו מרת יוטא אשת הרב רבי צבי ווילימובסקי,

סוף ימיו האט ער ליידער מיט געמאכט יסורים נוראים, דאן פלעגט ער אסאך פארן קיין בודאפעסט לצורך רפואה,

ער האט געהאט א מנהג נאך פון זיין טאטע און זיידע, אז ביי די מי שברך פאר א חולה שבת קודש, זאל מען נישט זאגן "יברך וירפא את החולה פב"פ", נאר מען זאל זאגן "יברך וירפא את פב"פ",

ווייל ווי מען האט מקובל על פי האריז"ל, לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה, שאם יחלה אומרים לו הבא זכות ותפטר, און אויב זאגט מען ביי די מי שברך "החולה" איז מען מיט דעם מודה אז דער איד איז א חולה, און דאן דארף מען שוין צו קומען צו גרויסע זכותים, און אויך האט ער געהייסן אפילו יו"ט צווענדיגען די מי שברך מיט די ווערטער "שבת הוא מלזעוק, ורפואה קרובה לבוא" ווייל יו"ט ווערט אויך אנגערופען שבת,

בעפאר זיין פטירה האט ער געבעטן זיינע תלמידים, אז ווען זיי גיין אין מקו' יעדן טאג, זאל מען געבן איין טובל לטובת נשמתו, רבי חיים אלעזר ב"ר צבי הירש זי"ע, און ער וועט מכיר טובה זיין פאר דעם,

אויך האט ער אין זיין צוואה געשריבען, אז ער איז געווען א גרויסע בעל חוב דורך די אלע צדקות וואס ער האט עוסק געווען, און נישט ח"ו אז ער וויל זיך גרויס האלטן דערמיט, נאר כדי די קינדער און אייניקלעך און אויך די תלמידים זאלן זיך אפלערנען פון דעם און ממשיך זיין צו העלפן אידישע קינדער,

נסתלק לגנזי מרומים ב' סיון מ"ו בעומר, נצח שבמלכות, בשנת תרצ"ז, ומנוחתו כבוד איז אין מונקאטש, אונעם אוהל צוזאמען מיטן טאטן הרה"ק דרכי תשובה זי"ע, און די זיידע הרה"ק בעל שם שלמה זי"ע,

דער צדיק האט געשריבען אין זיין צוואה, אז מען זאל נישט זאגן קיין הספדים אויף אים, אבער די גדולי דורו האבן געזאגט אז די פטירה פון אזא גדול בישראל טאר מען נישט דורך לאזן אן קיין הספדים,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

### מעשיות

דער זוהר הקדוש זאגט, דער טעם פארוואס אידן זענען אזוי פיל יארן אין גלות, איז צוליב די טרערן וואס עשו האט געלאזט ווען ער איז געוואויר געווארן אז יעקב האט צו גענומען פון אים די ברכות, האט אויף דעם געפרעגט דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע, די אידן האבן דאך שוין פארגאסן טייכן טרערן, אלע יארן אין די ימים נוראים טוען דאך אידן תשובה מיט דמעות שליש, ווי קומט עס אז די אלע טרערן זענען נישט בכח מבטל צו זיין די פאר טרערן פון עשו הרשע,

נאר וואס דען האט דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע געענטפערט, מיר האבן דאך א כלל אז "מין במינו לא בטל", עשו הרשע האט געוויינט פאר ענין גשמיות, פאר די ברכות עולם הזה, און די

אידישע טרערן זענען ליידער אויך פאר גשמיות'דיגע ענינים, דערפאר איז מין במינו לא בטל.

מה שאין כן ווען אידן וועלן וויינען און לאזן טרערן פאר רוחניות'דיגע ענינים, פאר גלות השכינה, אז מען זאל גרינגער צוקומען צו אביסל עבודת ד' באמת, און אז דער כבוד שמים זאל נתרומם ווערען, וועלן בטל ווערן די טרערן פון עשו הרשע, און די גאולה וועט שוין קומען במהרה.

גערעטעוועט געווארן דורכ'ן עסן ווי א איד.

דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע איז אמאל געפארן מיט א באן, אויפ'ן וועג האט מען דארט געגעבן א נישט כשר'ע סעודה, איז געווען דארט איינער וואס האט אויסגעזען ווי א גוי און האט געגעסן מיט א גוטן אפעטיט, דער מונקאטשער רב איז צו געגאנגען צו אים, און אים געזאגט, אז ער זאל שוין אויפהערן צו עסן, ווייל די עסן איז טריפה.

דער מענטש האט זיך אבער נישט וואוסענדיג געמאכט, און האט ווייטער געגעסן, און האט געפרעגט מיט וואונדער, פארוואס דער רב האלט אים פאר מער ווי אנדערע גוים, אזוי האט זיך דאס איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל, דער רב האט אים פארגעהאלטן אז ער איז עובר אויף איסורי דאורייתא, ער עסט נבילות וטריפות, ער וועט דארפן געבן דין וחשבון דערויף, אבער יענער האט ווייטער געגעסן ווי נישט אים האט מען געמיינט.

ווען דער מונקאנטשער רב איז צו געגאנגען צו אים דעם זעקסטן מאל, האט דער מענטש זיך געבראכן, און האט מודה געווען אז ער איז טאקע א איד, אבער ער האט זיך זייער געוואונדערט, וויאזוי דער רב האט געוואוסט אז ער איז א איד, האט ער געבעטן דעם רב, ער זאל אים זאגן ווי אזוי עס איז אים איינגעפאלן אז ער איז א איד.

האט דער הייליגער מנחת אלעזר אים געזאגט, ווען איך האב דיך געזען עסן, האב איך באמערקט אז דו עסט אנדערש ווי די גוים, איך האב געזען אז דו ברעכסט אראפ א שטיקל און דו בייסט נישט אריין, אזוי ווי די הלכה איז אין שולחן ערוך, האב איך באלד פארשטאנען אז מן הסתם ביסטו א אידיש קינד פון אן ערליכע שטוב, נאר דו האסט ליידער אראפ געווארפן פון דיר דעם עול התורה והמצות, אבער די איידעלע וועג פון עסן האט מען דיך אויסגעלערנט פון קינדווייז אן, און ס'איז נאך געבליבן אין דיר אלי'ן געוואוינהייט, וועגן דעם בין איך געווען זיכער אז דו ביסט א איד, דערפאר האב איך דיך מעורר געווען אז דו זאלסט נישט עסן קיין נבילות און טריפות.

די מעשה האט זייער שטארק געכאפט דעם מענטש, און דאס האט אים צוריק געברענגט צום אידישן וועג, אזוי ווייט, אז דער איד האט זיך שפעטער שטארק אריינגעלייגט צו מקרב זיין אנדערע אידן צו אידישקייט.

נאך די צווייטע וועלט מלחמה זענען די עסקנים ארום געגאנגען פון קלויסטער צו קלויסטער, פרובירנדיג אויפצווזוכן און ארויס ראטעווען פון דארט אידישע קינדער, ווי באקאנט האבן פיל אידן איבערגעבן זייערע קינדער צו גוישע שכנים, פאר מ'האט זיי געפירט קיין אוישוויץ, מיט די האפענונג אז נאך די מלחמה וועלן זיי צוריק נעמען די קינדער, און נאך די מלחמה ווען די גוים האבן געזען אז די אידן קומען נישט צוריק, האבן זיי איבערגעבן די קינדער צו די קירכעס רח"ל, און די גלחים האבן גע'טענה'ט אז זיי זענען גוים, און די עסקנים האבן געהאט גרויסע שוועריגקייטן אויפצוווייזן אז זיי זענען אידן.

דער איד וואס ביי אים האט פאסירט די מעשה מיטן הייליגען מנחת אלעזר זי"ע וועלכער איז אויך געווען צווישן די עסקנים, האט אלעמאל נאך געקוקט וועלכע קינדער עסן איידל, און ברעכן אראפ פון די עסן, זיי בייסן נישט אריין אין גרעסערע שטיקער, און אויף די קינדער האט מען געוויזן פאר די גלחים אז זיי זענען אידן, ווייל זיי עסן אנדערש ווי די גוים, און אזוי האט מען ארויסגעראטעוועט צענדליגע אידן פון אן אייביגן אומגליק, דאס זאגט די פסק וָאַבְדִּל אֶתְכֶם מִן־הָעַמִּים לִהְיוֹת לִי.

הרה"צ רבי יצחק שלמה אונגאר זי"ע פארציילט, אז ער איז געווען מיט זיין טאטן הרה"ק בעל מחנה אברהם זי"ע ביים הייליגען מנחת אלעזר זי"ע אויף שמחת תורה, פארציילט ער אז די געהויבענקייט ביים מנחת אלעזר אונעם יו"ט וואס מען פרייעט זיך מיט די תורה איז ממש נישט מעגליך צו באשרייבען.

פארציילט ער, אז ווען דער צדיק איז צוגעגאנגען צום עמוד זאגן "אתה הראת" מיט א התלהבות עצומה, און ווען ער איז אנגעקומען צו די ווערטער "בעבור דוד עבדיך, אל תשב פני משיחך" האט זיך דער צדיק אראפגעווארפן אויף דער ערד מיט בכיות נוראות און געזאגט בזה"ל, "רבונו של עולם, איך בין מסכים זיך לאזן טרעטען ווי א בוגאר פאר דיין כבוד, נאר איך זאל זוכה זיין זעהן איין מינוט בבחינת לתקן עולם במלכות שדי", און ער האט א שריי געגעבן פארן גבאי הרה"ח רבי חיים בער, חיים בער טרעט מיך טרעט מיך.

דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע פלעגט יעדעס יאר פסח אויפדערנאכט ביי לשנה הבא בירושלים דערציילן די מעשה.

איינמאל איז געווען א איד וואס האט די גאנצע יאר געהאנדעלט געשעפטן מיט דעם פריץ, איין יאר האט דער פריץ זייער געבעטן דעם איד, אז ער וויל קומען אויף דעם סדר פסח ביינאכט צו אים, דער איד האט נישט געקענט אפזאגן דעם פריץ און אים איינגעלאדענט צום סדר נאכט.

ווען דער איד האט אנגעהויבן זאגן די הגדה, האט דער פריץ די גאנצע צייט געפרעגט פשט אויף יעדע זאך, און דער איד האט אים אלעס מסביר געווען, ווען עס איז געקומען סוף סדר און דער איד האט געזאגט די ווערטער "לשנה הבא בירושלים", האט דער פריץ געפרעגט וואס דאס מיינט, האט דער איד געזאגט, אז מיר בעטן פונעם הייליגען באשעפער, אז קומענדיגע יאר זאלן מיר שוין זיין אין ירושלים מיט משיח צדקנו.

די קומענדיגע יאר איז דער פריץ נאכאמאל געקומען צום איד פאר א סדר, און עס איז צו געגאנגען די זעלבע וועג, און ווען דער איד האט געזאגט לשנה הבא בירושלים, האט דער פריץ געפרעגט דעם איד, די האסט דאך דאס געזאגט לעצטע יאר, האט דער איד געענטפערט א תירץ, אז אפשר לעצטע יאר זענען מיר נאכנישט געווען ראוי צו ווערן אויסגעלייזט, אבער ווען עס איז דורך נאך א יאר און נאך א יאר, האט דער איד אויס געבראכען אין א געוויין

און געזאגט ״רבונו של עולם! העלף שוין, איך שעם זיך שוין פאר דעם גוי, אלעמאל זאג איך אים אן אנדערן תירוץ״,

אמאל איז אויס געקומען אז דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע אלס יונגערמאן איז געפארן צוזאמען מיט זיין טאטן אין וויען צו דאקטורים, און זיי זענען געבליבן דארט אויף שבת קודש, פונקט יענעם שבת איז אויך דארט געווען דער צדיק הרה״ק רבי אליעזר צבי מקאמארנא זי״ע מיט זיינע קינדער,

שבת קודש איז דער הייליגער מנחת אלעזר מיט זיין טאטע אריבער צום טיש פונעם הייליגן קאמארנער זי״ע, און ארום דעם טיש זענען געזעצן אסאך חשובע רבנים גדולים און רבי״שע אייניקלעך, ווען דער הייליגער דרכי תשובה מיטן מנחת אלעזר זענען אריין געקומען, האט זיי דער צדיק מקאמארנא פרעזענליך מכבד געווען, דעם דרכי תשובה האט ער געזעצט נעבן זיך, און דעם מנחת אלעזר האט ער געזעצט צווישן זיינע אייניקלעך,

ווען עס איז געקומען צום בענטשן האט זיך דער הייליגער קאמארנער אויסגעדרייט צום מנחת אלעזר און געזאגט, ״מיין קינד, דו וועסט בענטשן״, די ארימיגע האבן זיך זייער געוואונדערט אז דער רבי האט מכבד געווען דעם יונגערמאן, ווען עס זענען געזעצן עלטערער חשובע רבנים דארט ביים טיש, און אויך אז דער צדיק האט אים גערופען ״מיין קינד״,

נאך שבת ווען דער דרכי תשובה און דער מנחת אלעזר זענען געגאנגען זיך געזעגענען מיטן צדיק, האט דער דרכי תשובה מזכיר געווען דעם זוהן דער מנחת אלעזר אז ער האט שוין חתונה געהאט עטליכע יאר און ער נויטיגט זיך אין א ישועה געהאלפן צו ווערן מיט קינדער, האט דער צדיק רבי אליעזר צבי געענטפערט בזה״ל ״ווען ער וועט צו אונז קומען, וועט ער געהאלפן ווערן״, די טאטע מיטן זוהן האבן די ווערטער נישט פארשטאנען, און זיך געוואונדערט צו דער רבי אליעזר צבי וויל אז דער זוהן זאל ווערן א חסיד ביי אים,

אבער מיט יארן שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט די באדייט פון די ווערטער פונעם צדיק, אז ער האט געזעהן ברוח קדשו אז דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע וועט נאך זיין פון זיינע קינדער, וואס ווי באקאנט האט דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע נישט געהאט קיין קינדער פון זיין ערשטע רעבעצין, און ער האט דערנאך חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת רחל פערל ע״ה די טאכטער פון הרה״ק רבי יעקב משה מקאמארנא זי״ע, און טאקע פון די רעבעצין האט ער מעמיד געווען דורות, דאן האט מען שוין פארשטאנען וואס דער צדיק האט געמיינט מיטן רופען דעם מנחת אלעזר ״מיין קינד״ און מיט די ווערטער ״ווען ער וועט צו אונז קומען, וועט ער געהאלפן ווערן״.

אין ספר זקניך ויאמרו לך ווערט געברענגט א אינטערסאנטע מעשה, דער מונקאטשער רב דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע האט זייער שטארק געהאלטן פונעם צדיק הרה״ק רבי חיים אנטיניער זי״ע, און נאכדעם וואס דער מנחת אלעזר האט זיך געשיידט פון זיין ערשטע רעביצין ע״ה, עפ״י צוואת אביו הדרכי תשובה זי״ע, האט די רעבעצין חתונה געהאט מיט׳ן אנטיניער רבי׳ן זי״ע,

איינמאל האט דער אנטיניער רבי געשיקט א שליח צום הייליגען מנחת אלעזר זי״ע, פרעגן ווען ער קען אים קומען באזוכן, האט דער מנחת אלעזר געענפערט אז ער זאל שוין קומען, דער אנטיניער רבי איז טאקע דאן אריבער געקומען און געשמועסט מיט׳ן מנחת אלעזר בידידות גדול, אבער בשעת׳ן שמועסן האט דער אנטיניער רבי באמערקט אז דער מנחת אלעזר האלט אין איין קוקן אויפ׳ן זייגער, כאילו ער איז נערוועז צו ענדיגן דעם שמועס,

האט דער אנטיניער רבי זיך אנטשולדיגט אויף דעם וואס ער האלט אים אויף, זאגענדיג, ״איך האב דאך געשיקט פרעגן ווען איך קען קומען, אויב יעצט איז נישט קיין גוטע צייט וואלט איך געקענט קומען שפעטער, פארוואס האט איר געזאגט אז איך זאל יעצט קומען״,

האט דער מונקאטשער רב געענטפערט, ״איך וועל אייך זאגן דעם אמת, איך האלט נאך פאר׳ן דאווענען און ווענן דעם יאג איך זיך, איך האב נאר געזאגט אז איר זאלט יעצט קומען, ווייל איך האב געוואלט אנקוקן א צורה פון אן ערליכן איד פאר׳ן דאווענען!״, דאס איז געווען די גדלות און דער מידת האמת פון דעם צדיק וקדוש דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע,

עס האט אמאל פאסירט ווען דער הייליגער מנחת אלעזר זי״ע נאך זייענדיג א יונגער בחור איז אנגעקומען צום שינאווער רב זי״ע, און עס איז דאן געווען סוף חודש אדר און די רב זי״ע האט אויס געדריקט זיין ווילן צו וויילן בצל קדשו פונעם הייליגן שינאווער רב זי״ע אויף יום טוב פסח, האט אים דער הייליגער שינאווער רב זי״ע געזאגט, אז ער זאל שרייבן צו זיין טאטן און בעטן פון איהם צו ער איז מסכים,

דער הייליגער מנחת אלעזר האט טאקע געשריבן, און די תשובה האט נישט געשפעטיגט צו קומען, אז די טאטע בעט אז ער זאל צוריק קומען אהיים, און בשעת׳ן וועג אהיים זאל ער דורך גיין די שטאט לעמבערג, איז דער מנחת אלעזר געגאנגען פארציילן איבער די תשובה פארן שינאווער רב, זאגנדיג, אז ער טראכט צו זיין ביים רב אויף די סדרים, און צוריק אהיימגיין חול המועד, און זיך אויס געדריקט ווינדער אויף דעם וואס די טאטע בעט אז ער זאל צוריק קומען דוקא דורך לעמבערג,

האט אים דער הייליגער שינאווער רב געזאגט, דיין טאטע וויל אז דו זאלסט אהיים גיין פאר יו״ט און ער וויל דיר אויף נעמען פאר ״רב הצעיר״ אין מונקאטש, און ממילא וויל ער אז דו זאלסט גיין נעמען א כתב סמיכה פון הגאון בעל בית יצחק זי״ע דער לעמבערגער רב, און היות דער בית יצחק איז שוין אין די עלטערע יאהרן און ער געבט שוין נישט קיין מכתבי סמיכה, וועל איך דיר געבן א בריוו, ״ווי איך וועל איהם בעטן אז ער זאל פאר דיר מאכן א אויסנאם, ווייל דו ביסט ראוי לאותו איצטלא״,

האט דער מנחת אלעזר גענומען די בריוו פונעם שינאווער רב, און געפארן אויף לעמבערג זיך וועגדענדיג צום הויז פונעם בית יצחק, און דער בית יצחק האט מעיין געווען אינעם בריוו און געזאגט, אמת איך געב שוין לאנג נישט קיין סמיכה פאר רבנות, אבער לכבודו פונעם הייליגן שינאווער רב וועל איך משנה זיין,

און דער הייליגער לעמבערגער רב זי״ע דערציילט פארן מנחת אלעזר, עס איז היינט פאר געקומען א גאר קאמפליצירטע דין תורה אין בית דין, און די מעשה איז געווען אזוי און אזוי, דא האסטו א

שטוב פול מיט ספרים, לייג דיך אריין דערין און שרייב אראפ דיין חוות דעת, האט זיך דער הייליגער מנחת אלעזר פארטיפט אין די נושא זייענדיג מעיין שעות אין די ספרי הפוסקים, און דערנאך האט ער זיך געזעצט שרייבן א תשובה מנומקת, דער בית יצחק האט נאך געקוקט זיין גאנצע עבודה זיין צוגאנג און די תשובה להלכה, און איז ממש נתפעל געווארן פון דעם מנחת אלעזר'ס גדלות בתורה, און ער האט איהם געשריבן גאר א שטארקע היתר הוראה און כתב סמיכה.

אנקומענדיג אהיים ווען דער מנחת אלעזר זי"ע האט זיך געטראפן מיטן טאטן דער הייליגער דרכי תשובה זי"ע, האט דער זוהן דער הייליגער מנחת אלעזר געפרעגט, "טאטע פארוואס האסטו געזעהן פאר וויכטיג מיר צו שרייבן אז איך זאל אהיים גיין דווקא דורך לעמבערג", האט איהם די טאטע די דרכי תשובה געזאגט, אוי ווי די עיקר האב איך פארגעסן דיך צו שרייבן, אז דו זאלסט ארויפגיין צום בית יצחק און בעטן פון איהם א היתר הוראה.

האט איהם דער זון דער מנחת אלעזר געענטפערט, דער שינאווא רב האט אלעס געזעהן מיט זיין רוח הקודש, און ער האט מיר געשיקט צום בית יצחק, און מיר מיט געגעבן די כתב המלצה, און אט דא איז די כתב סמיכה, אזוי איז דער מנחת אלעזר נתמנה געווארן פאר רב הצעיר אין מונקאטש.

אמאל זומער איז דער הייליגער מנחת אלעזר זי"ע געווען אין דייטשלאנד, ווײלנדיג אין א שטאט וואס האט געהייסן "ארדאניע", די טעג דארטן זענען זעהר לאנג, און עס דויערט אסאך צייט פון די שקיעה ביזן צאת הכוכבים, עס קען אפילו געדויערן עטליכע שעה, אזוי ווייט אז צאת הכוכבים קען אויס קומען צו זיין ערשט ביי חצות, און וועלנדיג יוצא זיין אלע ספיקות, האט דער מנחת אלעזר זי"ע צו געווארט מיט מעריב, איבער הויפט מוצאי שבת קודש און תשעה באב, ביז ממש נאנט צו חצות הלילה, וואס דעמאלט איז שוין זיכער געווען צאת הכוכבים.

ווען עס איז געקומען די צייט מקדש צו זיין די לבנה, האט זיך נאך די לבנה נישט באוויזן פאר די אויגן, און דער הייליגער מנחת אלעזר האט געווארט ביז אין די גאר שפעטע נאכט שעה'ן, מיט די האפענונג צו קענען מקיים זיין די מצוה פון קידוש לבנה.

אזוי שטייענדיג מיט זיין גבאי אינדרויסן, אין די פינסטער פון די נאכט, ווארטנדיג אויף די לבנה, האט זיך ארויס געהערט א קול פון די אויבערשטע שטאקן פונעם דערבייאיגן געביידע, ווי א דייטשער איד, וואס טראגט איינגאנצן נישט אויף זיין געזיכט קיין אידישע צורה, זאגט פאר זיין חבר מיט אן אויפכאפונג און זעלטענע פרייד, "אוי! דער מאנד (לבנה) איז דא", און זיי האבן געמאכט די ברכה און מקדש געווען די לבנה.

דער מנחת אלעזר איז גאר שטארק נתפעל געווארן אז אידן אין דייטשלאנד זאלן וועלן אויפבלייבן א גאנצע נאכט צו קענען מקיים זיין מצות "קידוש לבנה", און דאס האט אויף אים איבער געלאזט א שטארקע איינדרוק, עטליכע יאר שפעטער אין א דרשה פאר תקיעת שופר, האט דער מנחת אלעזר דאס דערמאנט אלס א מליצת זכות אויף כלל ישראל.

און ער האט דאן געזאגט בזה"ל, "רבונו של עולם! זעה נאר אז אפילו אין א לאנד וואס איז ווייט פון אידישקייט, האסטו אידישע קינדער וואס אין די פינסטערניש פון די נאכט כאפן זיי אראפ פון זייער שלאף און שטייען וואך מיט די האפענונג צו זען די לבנה, נאר כדי צו קענען בענטשן און הייליגן דיין גרויסן נאמען, און צוליב דעם אליין ברויך כלל ישראל ווערן אויסגעלייזט במהרה".

געווען איז דאס אין די צייט פון די ערשטע וועלט מלחמה, אין יאר תרע"ד, גלייך פאר ראש השנה פון שנת תרע"ה, די רוסישע מיליטער האט זעהר מצליח געווען אין זייער קאמף, זיי האבן איינגענומען אסאך שטעט אין גאליציע, נישט ווייט פון די שטאט מונקאטש גלייך אריבער די גרעניץ, ווי זיי זענען נאר אנגעקומען האבן זיי צושטערט און צובראכן, גע'גנב'עט און גע'הרג'עט, אן קיין טראפ רחמנות, און די איינוואוינער האבן פרובירט צו אנטלויפן און זיך צו ראטעווען פון טויט, אויך די אידן פון די שטאט מונקאטש זענען געגאנגען צום הייליגען מנחת אלעזר זי"ע אים צו פרעגן וואס זיי זאלן טוען, און וואו זיי זאלן אנטלויפן.

דעם צווייטן טאג ראש השנה, איז דער מנחת אלעזר אויף געשטאנען, און דערציילט מיט וואונדער פאר זיינע נאנטע, אז תיכף ביים אויפשטיין איז אים געלעגן אויפן מויל דעם פסוק (תהלים נג, ו) "שָׁם פָּחֲדוּ פַחַד לֹא הָיָה פָחַד כִּי אֱלֹקִים פִּזַּר עַצְמוֹת חֹנָךְ", און וויבאלד אז חז"ל זאגן (ברכות נז, ב) אז אויב מען שטייט אויף מיט א פסוק אין מויל איז דאס א קליינע נבואה.

ממילא איז ער זיכער אז דער פחד דא אין שטאט איז אומזיסט, ווייל עס וועט נישט זיין קיין פחד, "שם פחדו פחד – לא היה פחד", און דער שונא וועט נישט אריינקומען אין שטאט, ער האט געהייסן אזוי אויסרופן פאר די גאנצע שטאט, אז קיינער זאל נישט אנטלויפן, ווייל עס וועט גארנישט געשען.

דערנאך, אין די עשרת ימי תשובה און יום הקדוש, זענען די דערפער און שטעט ארום די שטאט מונקאטש איינגענומען געווארן דורך די שטורמישע רוסישע ארמיי, די שרעק איז געשטיגן אין שטאט, און די שטאט איינוואוינער זענען נאכאמאל געקומען צו לויפן צום הייליגען מנחת אלעזר אז די סכנה איז אזוי גרויס און נאנט, וואס זאל מען טוען, אבער דער מנחת אלעזר האט זיי געענטפערט און בארואיגט מיט א פעסטקייט, איך וועל נישט טוישן מיין מיינונג, איך האב קיינמאל נישט געדארפט צוריקציען פון וואס איך האב געזאגט, "אל תיראו מפחד פתאום ומשואת רשעים", האטס נישט קיין מורא, ווייל דער שונא וועט נישט אריינקומען אין די שטאט.

עס איז געווען א גרויסער פלא, ווען פלוצלינג האט זיך געהערט א שמועה אז די רוסן זענען געפאלן אין די מלחמה שלא כדרך הטבע, און נאך איידער זיי האבן געקענט אריינקומען אין די שטאט מונקאטש זענען זיי אנטלאפן, אין זיין ספר שער יששכר פארצייכנט דער מנחת אלעזר די גאנצע מעשה, און ער פירט אויס בזה"ל, "ורשמתי למשמרת גם לדור הזה ובנינו אחרינו, שצריכים לאמונה שלימה", איך פארצייכן דאס עס זאל פארבלייבן פאר די קומענדיגע דורות און אונזערע קינדער, אז מ'דארף גלייבן מיט אן אמונה שלימה.

**יארצייט**
**פרייטאג ג׳ סיון**

**הרה״ק רבי יעקב שמשון ב״ר יצחק זי״ע, (שפירא),**
**משפיטיווקא,**

ער איז געבוירן צו זיין טאטן הרה״ק רבי יצחק שפירא אב״ד סלאוויטא זי״ע,
מגזע פון הגה״ק רבי האי גאון זי״ע פון די לעצטע גאוני בבל,
ומגזע הגה״ק רבי שמשון מאוסטרופאלי זי״ע, הי״ד,
ומגזע הגה״ק בעל מהר״ל מפראג זי״ע,

און צו זיין מאמע הצדקת מרת רסיא ע״ה,
וואס איז געווען פון די גזע פון רש״י הקדוש זי״ע,

ער איז געווען מפורסם אלס א חריף עצום און א גאון הגאונים בתורה און א גאר קלוגער איד א חכם מחוכם, ער איז געווען א איש אלוקים און א קדוש עליון נורא מאוד, א בעל רוח הקודש און א בעל מופת עצום און א גאר גרויסע פועל ישועות, טויזענטער אידן זענען געקומען צו דעם צדיק, חסידים ואנשי מעשה האבן מפליא געווען זיין גדלות, ער איז געווען א עניו מאוד און זיך מתבטל געווען פאר יעדן איינעם, אבער ווען עס איז געקומען צו מקנא זיין קנאת ד׳ צבקות, האט ער דאס געטון מיט א געוואלדיגע שטארקייט און זיך נישט דערשראקן פאר קיינעם,

זיין גדלות בתורה און זיינע מדות טובות זענען געווען עד להפליא, אז אפילו זיינע מתנגדים האבן אים משבח געווען און אפילו זיך מפלפל געווען אין תורה מיט דעם גאון, ובתוכם הגה״ק רבי יחזקאל הלוי לאנדא בעל הנודע ביהודה זי״ע, וואס אפילו נישט זייענדיג קיין חסיד האט ער מורא׳דיג גערעדט פון דעם גדלות בתורה און קדושה פונעם צדיק רבי יעקב שמשון זי״ע,

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון הרה״ק המגיד ממזריטש זי״ע, אויך איז ער געווען א תלמיד פון הרה״ק רבי ברוך ממעזיבוז זי״ע, און פון הרה״ק רבי יעקב יוסף הכהן בעל תולדות יעקב יוסף מפולנאה זי״ע, און פון הרה״ק רבי פנחס מקאריץ זי״ע, אלע תלמידים פונעם בעש״ט הקדוש זי״ע,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת בלומא ע״ה,
בת הגה״ק רבי חיים יעקב אב״ד פולנאה זי״ע,
מגזע הגה״ק רבי יואל סירקאש בעל הב״ח אב״ד קראקא זי״ע,

עס איז מקובל אז ער איז געווען רב אין אפאר שטעט, קודם אין אומן, באר, סלאוויטא, און צום סוף איז ער געווען רב אין שטאט שפיטיווקא, און דארט איז ער געווען ביז ער איז ארויף קיין ארץ ישראל,

בשנת תק״ן איז ער די ערשטע מאל ארויף קיין ארץ ישראל, אביסל שפעטער איז ער צוריק געפארן קיין שפיטיווקא,
און בשנת תקנ״ה איז ער ארויף צוריק קיין ארץ ישראל און דארט האט ער זיך באזעצט אין שטאט טבריה צוזאמען מיטן תלמיד פונעם מגיד ממזריטש הרה״ק רבי אברהם מקאליסק זי״ע, דארט האט ער אסאך עוסק געווען בתורת הקבלה,

אויך האט ער דארט אין ארץ ישראל אסאך עוסק געווען אין שטיצן די ארימעלייט, וואס דאן איז געווען א גרויסע עניות ביי אידן, ער איז אסאך ארויס געפארן אויף חוץ לארץ צו ברענגען געלט פאר עניי ארץ ישראל,

בעפאר ער איז ארויף קיין ארץ ישראל, איז ער געגאנגען פרעגן רשות פון הרה״ק רבי מרדכי מנעשכיז זי״ע, און רבי מרדכי׳לע האט לכבוד זיין ארויף גיין קיין ארץ ישראל אפ געראכטן א גרויסע סעודה לכבוד רבי יעקב שמשון, און אים ארויס באגלייט ביז צום שיף,

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער,

הרה״ק רבי יהושע העשיל זי״ע, וואס איז ליידער נסתלק געווארן בחייו פונעם טאטן,
בתו הרבנית הצדקת מרת מרים ע״ה, אשת הרה״ק רבי יהודה מאיר שפירא משפיטיווקא זי״ע, בן הרה״ק רבי פנחס מקאריץ זי״ע, ממלא מקום חמיו בשפיטיווקא,
חתנו, הגה״ק רבי אפרים וואהל מו״ץ סאדילקוב זי״ע, נכד המהרש״א זי״ע,
חתנו, הרה״ק רבי ישראל יהודה לייב ב״ר חיים מקראסנא זי״ע,
בתו, הצדקת מרת חיה פייגא ע״ה, אשת הרה״ק רבי חיים אורי פייבוש ב״ר אריה לייב מוואלטשיסק זי״ע,

נסתלק לגנזי מרומים ג׳ סיון מ״ז לעומר בשנת תקס״א, ומנוחתו כבוד איז אונעם אלטן ביה״ח אין שטאט טבריה, אונעם חלקה פון די תלמידי בעש״ט, סמוך ונראה צו הרה״ק רבי מנחם מענדל מוויטעפסק זי״ע הרה״ק רבי אברהם מקאליסק זי״ע הרה״ק רבי מנחם מענדל מפרמישלאן זי״ע, און נאך אסאך תלמידי בעל שם זי״ע,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

אין די צייט ווען דער צדיק רבי יעקב שמשון משפיטיווקא זי״ע האט געוואוינט אין ארץ ישראל, איז מען אמאל געקומען מזכיר זיין א איד וואס שטייט אויס א שווערע געריכט וואס מען קען אים דערפאר דן זיין למיתה, און דער איד האט געבעטן אז דער צדיק זאל אים געבן א ברכה,

האט דער הייליגער שפיטיווקער געזאגט פאר דעם איד, אז ער זאל געבן א סכום פאר צדקה, און ער וועט ווערן געהאלפן ווייל צדקה תציל ממות, דער איד האט געפאלגט און געגעבן דעם סכום געלט פאר צדקה,

דעם טאג ווען ער איז געגאנגען צום משפט, איז מען דורך געבן דעם וואסער אין שטאט יפו, און דער שליח וואס האט אים געטראגען, וואס האט געהאט מיט זיך אלע פאפירען פונעם משפט, איז אריין געפאלן אין וואסער און געשטארבן, און דער איד איז דורך דעם געראטעוועט געווארן,

אמאל זענען געקומען דריי עגונות ל״ע צום גאון ער זאל זיי מתיר זיין פון די חבלי עגונה, זיי האבן געברענגט מיט זיך צוויי עדות וועלכע

האבן עדות געזאגט אויף אלע דריי, אז עס איז געווען די זעלבע מעשה מיט אלע דריי מענער,

דער הייליגער שפיטיוואקער צדיק האט אבער נישט געוואלט אויסהערן אלע דריי אויף איינמאל, און געהייסן ברענגען יעדן איינעם באזונדער, נאכדעם וואס ער האט אויס געהערט יעדן פאל באזונדער און די עדות דערפון, האט ער זיי אהיים געשיקט, און געהייסן צוריק קומען מארגן, און דעם אנדערן טאג, ווען זיי זענען צוריק געקומען, האט ער מתיר געווען צוויי פרויען, אבער די דריטע האט ער נישט געוואלט מתיר זיין,

פארשטייט זיך אז עס איז געווען א גרויסע חידוש פאר אלע אנוועזענדע אין בית דין, פארוואס פונקט די דריטע פרוי נישט, אבער דער רבי האט באלד ערקלערט פארוואס ער האט אזוי געטוהן, "איך קען זאגן דעם אמת, אז איך בין גאר א גרויסער חריף און עמקן," האט דער רבי געזאגט, "איך קען אפיר ברענגען היתרים און פארשידענע צדדים ביי יעדן שאלה, אויב אזוי וועט איר פרעגן, ווי קען איך דן זיין א דין אמת",

דערפאר ווען עס קומט א שווערע שאלה, בין איך זיך מתדבק אינעם הייליגן בורא, און איך לאז זיך ארויס פון דעם גאנצן חמריות זיכענ'דיג בלויז דעם אמת, דאן זעה איך, אויב בשעת איך בין מעיין אין דעם שאלה איז מיין קאפ נוטה להתיר, בין איך זיכער אז עס איז מותר, און די זעלבע פארקערט,

דערפאר האב איך לכתחילה נישט געוואלט אויס הערן אלע דריי צוזאמען, כדי איך זאל ביי יעדע איינע זעהן וואו מיין דעת איז נוטה, ביי די ערשטע צוויי האב איך נוטה געווען להיתר, אבער ביי די דריטע לאיסור, האב איך געקלערט אז מעגליך האב איך געמאכט א טעות אויך ביי די פריערדיגע צוויי, ווייל עס איז דאך איין מעשה, דערפאר האב איך אלע אהיים געשיקט כדי איבער צו קלערן דעם פסק,

נאך א גאנצע טאג וואס איך האב מעיין געווען, האב איך איינגעזעהן אז די פריערדיגע היתרים זענען ביי מיר שטערקער געווארן, דערפון האב איך פארשטאנען אז די ערשטע צוויי זענען טאקע מותר, אבער די דריטע נישט אזוי האב איך ארויסגעגעבן א קלארע און אמת'ע פסק, און לפלא נישט אסאך נאכדעם איז די דריטע מאן טאקע אפיר געקומען און מען האט געזען די הייליגע אויגן פונעם צדיק רבי יעקב שמשון זי"ע.

הרה"ק רבי יעקב שמשון משפיטיווקא זי"ע איז געווען פון די לייבן אינעם חברייא קדישא, די הייליגע תלמידים פונעם גרויסן מגיד ממזריטש זי"ע, באזונדערס מפורסם איז דער הייליגער שפיטיווקער זי"ע געווען מיט זיין שארפן גאונות און טיפזיניקייט, ער האט אין זיין צייט פיל געארבעט צו באווירקן די גרויסע מתנגד'ישע לומדים אין זייער באציאונג כלפי די חסידים, ובתוכם דער הייליגער גאון דער נודע ביהודה זי"ע מיט וועמען ער האט זיך כסדר מפלפל געווען מיט גרויס חריפות,

עס איז געווען אין די צייט נאכדעם וואס הרה"ק רבי יעקב שמשון האט צושטאנד געברענגט זיין הייליגע שאיפה ארויפצוקומען זיך באזעצן אינעם הייליג לאנד אין ארץ ישראל, רבי יעקב שמשון האט זיך דאן ארומגעקוקט און צוגעזען די אומגעהויערע דחקות פון די ארץ-ישראל'דיגע אידן, ער האט באלד באשלאסן עוסק צו זיין לטובת דעם ענין, און ער איז ארויס געפארן קיין חוץ לארץ צוזאמען קלייבן נדבות ביי די דארטיגע אידן,

אויך הרה"ק רבי ברוכ'ל ממעזבוז זי"ע האט זיך דאן באשעפטיגט אין זאמלען צדקה פאר די בני ארץ ישראל, נאר דער רבי ר' ברוכ'ל האט געשיקט דאס גאנצע געלט נאר פאר די אידן וועלכע זענען געווען אפשטאמיגע פון רייסין, אבער פאר די פוילן-אפשטאמיגע אידן האט ער נישט געשיקט, ווייל דער רבי ר' ברוכ'ל פלעגט שטארק מחשיב זיין די אידן פון רייסן, זאגנדיג אז די אנשי רייסן פארלייכטן אים די גן-עדן בשעת קבלת-שבת,

דאס מערהייט פון די ארץ ישראל אידן אין יענע צייטן איז אבער באשטאנען פון פוילישע אידן, און פאר הרה"ק רבי יעקב שמשון האט דעריבער זייער פארדראסן דאס התנהגות פונעם רבי'ן ר' ברוכ'ל, פארוואס ער מאכט זיך אומוויסנדיג פון די פוילישע אידן, און דערפון האט זיך געשאפן א טענה אין הארץ פון הרה"ק רבי יעקב שמשון קעגן דעם רבי'ן ר' ברוכ'ל, אבער דער רבי ר' ברוכ'ל האט ווייטער געשיקט די געלט צו די רייסנ'ער אידן, און הרה"ק רבי יעקב שמשון משפיטיווקא איז ארויס געפארן צו די מערב לענדער שאפן געלט פאר אידן פון די אנדערע קרייזן,

אין איינע פון זיינע נסיעות איז הרה"ק רבי יעקב שמשון אנגעקומען אין א פרעמדן לאנד, זייענדיג דארט אין וועג איז ער אנגעקומען צו די הויז פון א ארטיגער רב, דער רב פלעגט זיך פירן, אז ווען א חשובער אורח פלעגט קומען, האט ער אים אריינגענומען צו זיך אין שטוב, און זיך מפלפל געווען מיט אים אין לערנען, דערנאך פלעגט ער אים אויך דערלאנגען א סכום הגון,

אבער ווען הרה"ק רבי יעקב שמשון האט אן געקלאפט אין טיר, האט דער וועכטער אים נישט אריין געלאזט, ער האט אים געוואלט געבן א נדבה אזוי ווי ער פלעגט געבן פאר יעדע אנדערער ארימאן, רבי יעקב שמשון האט שטייענדיג דארט באמערקט, אז דער רב איז נישט קיין איינפאכער איד, ער האט אים געזען זיצן ביי א טיש מיט א הויפן ספרים, און געהערט ווי ער אמפערט זיך ביי א שווערן קושיא אין גמרא,

שטייענדיג דארט אונטער'ן פענסטער האט רבי יעקב שמשון געהערט, ווי דער רב ווארפט צוזאם מיט גרויס בקיאות פון ש"ס בבלי און ירושלמי, און פיל שאלות-ותשובות און ער קען בשום-אופן נישט פאר ענטפערן דעם קושיא, רבי יעקב שמשון האט זיך מער נישט געקענט איינהאלטן, ער האט געבעטן דעם שומר זאל אים אריינלאזן אינעווייניג,

דער רב וועלכער איז נאך געווען שטארק פארטיפט אין דער סוגיא, האט גארנישט באמערקט אז עמיצער איז אריינגעקומען אין שטוב, א לאנגע צייט איז דער שפיטיווקא צדיק נאך געשטאנען און זיך איינגעהערט מיט גרויס פארגעניגן, ווי דער רב לערנט מיט א ברען בעת דער קושיא ווערט אלס שטארקער, ענדליך איז הרה"ק רבי יעקב שמשון צו געגאנגען צום טיש און זיך אנגערופן, לויט מיין מיינונג איז דער קושיא זייער גוט פאר ענטפערט לויט א געוויסן תוספות, און רבי יעקב שמשון האט איבער געזאגט דעם תוספות, און די צוויי האבן זיך אזוי לאנג מפלפל געווען ביז די קושיא איז אויסגעגליכן געווארן,

ווען דער רב האט זיך איבערצייגט מיט גרויס התפעלות אז זיין גאסט איז גארנישט קיין פשוטער איד, האט ער זיך זייער דערפרייט מיט אים, ער האט אים זייער מקרב געווען און געשמועסט מיט אים אין טיפע סוגיות מיט גרויס חריפות, הערנדיג פון רבי יעקב שמשון אז ער קומט פון פוילן איז דער רב שטארק איבער ראשט געווארן און ער האט געפרעגט דעם שפיטיווקא צדיק, צי ער קען עמיצען רבי ברוכ׳ל פון מעז׳יבוז, רבי יעקב שמשון האט אים דערציילט אז ער ווייסט זייער גוט ווער דאס איז און אז ער איז א גרויסער מנהיג ישראל,

אבער דער צדיק הרה״ק רבי יעקב שמשון האט זיך זייער געוואונדערט, אז דער רב וועלכער וואוינט דאך אין אזא ווייטן מרחק אוועק פון מעז׳יבוז, זאל האבן געהערט וועגן דעם רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל, ער האט זיך איינגעבעטן אז דער רב זאל אים דערציילן, וואו ער האט געהערט פון רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל,

מיט גרויס פשטות האט דער רב אים דערציילט, אז שוין יארן לאנג וואונדערט ער זיך און ער איז משתוקק צו וויסן וועגן דעם רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל, ווייל אלעמאל ווען ער מאכט א עליית נשמה, און ער קומט אריין אין מתיבתא דרקיע, הערט ער פון די פמליא של מעלה נאך זאגן דברי תורה פון רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל פון מעזבוז, און דער רב האט זיך זייער דערפרייט צו הערן אז רבי יעקב שמשון קען גוט דעם רבי ברוכ׳ל,

דער רב האט אים ארומגעפירט צו די שטאטלייט צו שאפן געלט, און ער אליין האט אים געגעבן א שיינעם סכום, דערנאך האט ער אים באגלייט מיט גרויס כבוד, רבי יעקב שמשון האט געענדיגט ארומפארן, און דאס געלט האט ער אפ געשיקט קיין טבריא, וואו עס איז צעטיילט געווארן צווישן די ארעמעלייט,

אבער ער אליין איז צוריק געפארן קיין פוילן, און איז באלד אוועק געפארן קיין מעזבוז, אנקומענדיג קיין מעזבוז איז הרה״ק רבי יעקב שמשון באלד צו געפארן אין שטוב פון רבי׳ן רבי ברוכ׳ל, ער האט אן געקלאפט אין טיר, און געבנדיג שלום פאר׳ן רבי׳ן ר׳ ברוכ׳ל, האט ער אויסגערופן מיט גרויס עקסטאז, רבי ברוכ׳ל, יעצט ווייס איך אז איך בין דער איצינציגסטער למדן, און איר זענט דער איינציגסטער צדיק,

א מבהיל׳דיגע מעשה ווערט דערציילט אויפ׳ן הייליגן שפיטיווקער צדיק זי״ע, דער רבי איז געווען א געוואלדיגע בעל יסורים, מיט פארשידענע חלאים רעים אויף זיין הייליגע קערפער, דער געטרייער משמש פלעג זיך מטריח זיין מיט שטארקע איבער געגעבנקייט אים צו היילן און שמירן זאלבן,

אמאל אונטערוועגנס, הערט דער משמש ווי דער רבי זאגט אזוי צו זיך, ״קומט מיינע ליבע פריינט די יסורים״, ממש ווי די גמרא דערציילט אויפ׳ן הייליגן תנא רבי אלעזר ב״ר שמעון, דער שמש האט זיך זייער אויפגערעגט און געזאגט פאר׳ן רבי׳ן, ״פארוואס דארף איך אזוי שווער ארבעטן אייך גרינגער צו מאכן די יסורים, איר ברענגט דאך עס אליין אויף זיך, איך וועל אצינד גיין דערציילן פאר אלעמען אז דער רבי איז אליין שולדיג אין זיינע קרענק״, זעהט אויס אז דער שמש איז נישט געווען קיין באזונדערע חכם,

האט זיך דער רבי פארענטפערט פאר אים און געבעטן ער זאל קיינעם נישט דערציילן, און דער רבי האט אים געזאגט, ״וואס זאל איך טוהן, די גמרא זאגט דאך (סנהדרין ק״ז) כל הבא על אשת איש נופל ביסורים״, דער שמש איז אויף געשפרינגען, אזאנס, איז דען דער רבי דורך געפאלן מיט אזא הארבע עבירה, עס קען דאך נישט זיין!,

האט אים דער הייליגער שפיטיווקער צדיק זי״ע געזאגט מיט זיין עניוות און זיין ריינעם אמת, ביי אונז הייסט אן איסור אשת איש, יעדע מחשבת גאוה רח״ל, ווי עס שטייט אין די גמרא (סוטה ד:) כל אדם שיש בו גסות הרוח לבסוף נכשל באשת איש, און דער צדיק וקדוש וואס האט פון זיך באמת נישט געהאלטן און געדינט דעם באשעפער מיט אן אמת און דביקות, האט אבער אויף זיך געהאלטן אז ער האט דעם מידה מגונה פון גאווה,

ווערט דערציילט אז דער צדיק וקדוש רבי יעקב שמשון משפיטיווקא זי״ע האט מברר געווען בהלכה, אז פסח טאר מען נישט ניצן קיין וואסער פון טייך, ווייל עס איז דא א חשש פון חמץ, דערפאר האט דער צדיק געקויפט א נייעם פאס, און דורך דעם גאנצן ווינטער האט ער צוזאמען געגומען שניי, וואס קען נישט ווערן קיין חמץ, און דאס אנגעגרייט לכבוד פסח,

אבער ערב פסח מאכט דער צדיק אויף דעם פאס און זעט דארט אינעם פאס א גרויסע שטיק חלה, האט דער צדיק אנגעפרעגט אין הימל פארוואס דאס איז געשען, האט מען אים מגלה געווען, אז מען זאל נישט זיין קיין אויסנאם פון גאנץ כלל ישראל און מאך נישט קיין חמרות אינגאנצען אנדערש ווי די וועלט פירט זיך, און וויבאלד די וועלט ניצט וואסער פון טייך, זאל ער אויך אזוי טון,

איין טאג האט זיך דער צדיק רבי יעקב שמשון זי״ע אויף געוועקט און געזאגט, אז ער האט געזען בחלומו, ווי די שכינה הקדושה וויינט און קלאגט און איז זיך מצער, האט ער געזאגט, אז דאס מיינט אז זיין גרויסע רבי דער צדיק וקדוש רבי פנחס מקאריץ זי״ע איז יעצט נסתלק געווארן, און דער צדיק האט דאן געריסן קריעה בשם ומלכות, שפעטער האבן די תלמידים מכוון געווען, אז דאס איז געווען ממש דאן ווען דער צדיק רבי פנחס מקאריץ זי״ע איז נסתלק געווארן,

**יארצייט**
**שבת קודש ד' סיון**

**הרה"ק רבי ישעי' נפתלי הירץ ב"ר דוד זי"ע, (שפירא),**
**בעל הנותן אמרי שפר, מדינוב,**

ער איז געבוירן אין שטאט דינוב, בשנת תקצ"ח,

צו זיין טאטן הרה"ק רבי דויד שפירא בעל צמח דויד מדינוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר מדינוב זי"ע,
בן הרה"ק רבי פסח לאנזאם זי"ע, הנקרא ר' פסח יאווארניקער,
ולמעלה בקודש ביז הגה"ק רבי שמשון מאוסטרפליא זי"ע, הי"ד,

און צו זיין מאמע הרבנית הצדקת מרת רחל מינא ע"ה,
בת הנגיד מו"ה רבי ישעי' הירץ מטורקא זי"ע,

ער איז געווען די בכור ביי זיין טאטן הרה"ק רבי דויד מדינוב זי"ע, און א ברידער מיט די צוויי צדיקים וקדושים, הרה"ק רבי צבי אלימלך בעל צבי לצדיק מבלאזוב זי"ע, און הרה"ק רבי מאיר יהודה בעל אור למאור מבוקאווסק זי"ע,

דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויף די דריי הייליגע קינדער פונעם צדיק רבי דוד'ל מדינוב זי"ע, אז זיי זענען כנגד שלשה עמודי עולם,
הרה"ק צבי אלימלך מבלאזוב זי"ע, איז עמוד התורה,
הרה"ק רבי ישעי' נפתלי הירץ מדינוב זי"ע, איז די עמוד עבודה,
הרה"ק רבי מאיר יהודה מבוקאווסק זי"ע איז די עמוד גמילת חסדים,
ווען מען האט דאס איבער געזאגט פארן צדיק רבי יהושע מבעלזא זי"ע, האט דער בעלזער רב געזאגט, איך וועל זאגן אז אלע דריי קינדער פון רבי דויד מדינוב זי"ע זענען געווען יעדער פון זיי קעגן די דריי עמודי עולם,

ער איז געווען א גאון הגאונים בוצינא קדישא חסידא ופרישא, און א ענותן גדול ושפל ברך, יראת ד' היה חופף עליו כל היום, ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א עובד השם במסירת נפש, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, ער איז געווען באוויסט אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, ער האט געדינט דעם גרויסן באשעפער מיט א געוואלדיגע התלהבות, אידן האבן דערציילט אז דער צדיק האט זיך אסאך מאל געברויכט בייטן די קליידער אפאר מאל אינמיטן זיין עבודת התפילה, און צדיקים האבן מעיד געווען, אז דער צדיק איז נסתלק געווארן ביי ד 48 יאר אלט, ווייל זיין גוף איז ממש פארברענט געווארן דורך זיין הייליגע עבודה,

ער האט געלערנט פון אלס קינד ביי זיין גרויסן טאטן רבי דוד מדינוב זי"ע, שפעטער האט ער געלערנט ביי זיין פעטער הרה"ק רבי אלעזר מלאנצהוט זי"ע, וואס דעם פעטער האט ער געהאלטן פאר זיין רבו מובהק, אויך האט ער זיך מסתופף געווען ביי די צוויי פעטער'ס די גאונים וצדיקים הרה"ק רבי משולם זושא שפירא זי"ע, און הרה"ק רבי שמואל שפירא זי"ע, ביידע קינדער פונעם הייליגען בני יששכר זי"ע,

ער האט חתונה געהאט מיט הרבנית הצדקת מרת אדל רבקה ע"ה,
בת דודו ורבו הרה"ק רבי אלעזר מלאנצהוט זי"ע,
בן הרה"ק רבי צבי אלימלך בעל בני יששכר מדינוב זי"ע,

בשנת תרכ"ג האט אים זיין טאטע געגומען אלס זיין רעכטע האנט און ער האט געהאלפן זיין טאטן פירן דאס רבנות אין שטאט דינוב, מען קען זעהן די געוואלדיגע הערצה וואס די צדיקי הדור האבן געהאט צו דעם צדיק רבי ישעי' נפתלי זי"ע, ווי הגה"ק אב"ד פרעמישלא זי"ע האט געשריבען א תשובה בזה"ל, "ידידי הרב החריף חסידא ופרישא איש ירא אלקים בנן של קדושים המפורסים כש"ת מו"ה נפתלי ישעי' הירץ נ"י אבד"ק דינאב בנו של הרב הצדיק הקדוש מדינאב שליט"א," און דאס איז נאך געווען ווען די טאטע רבי דוד'ל האט געלעבט,

עס פארציילט הרה"ק רבי אלעזר ריישא זי"ע וואס איז נתגדל געווארן אין שטוב פון הרה"ק רבי דויד מדינוב זי"ע, אז ווען מען פלעגט קומען צום טאטן הרה"ק רבי דויד מיט א קוויטל פאר א ישועה, האט דער טאטע געשיקט אז מען זאל גיין צו זיין זוהן הרה"ק רבי נפתלי הירץ זי"ע, און געזאגט "כוחו גדול מכוחי, ער קען ענק בעסער העלפן ווי איך",

אויך פארציילט מען, אז דער טאטע רבי דוד'ל זי"ע האט געהאט א אנדערן דרך פון דאוועגען, וואס איז געווען מיט א איינגעהאלטענקייט, עד כדי כך אז ער האט געגדיגט דאווענען שמונה עשרה אזוי ווי א פשוטער בעל הבית, אבער דער טאטע האט געהייסן ווארטן אויפן זוהן ביז ער ענדיגט דאווענען, ווייל דער זוהן האט געדאווענט מיט א געוואלדיגע ברען,

הגה"ק רבי ברוך בענדיט ליכטענשטיין אב"ד קראסנא זי"ע, הי"ד האט געזאגט, אז ער איז איינמאל געווען ביים רבין הרה"ק רבי נפתלי הירץ ביי א תפלה, האט ער געזאגט, אז עס איז געווען אזוי ווי ביי התנא רבי עקיבא ע"ה, "הניחו אותו בזוית זו, ומצאוהו בזוית אחרת", און דאס איז געווען א פלא, ווייל דער צדיק איז געווען ליידער מדוקה ביסורים רוב פון זיין לעבן זייענדיג א גאר שוואכע מענטש,

צדיקים האבן געזאגט בשם הרה"ק השם שלמה ממונקאטש זי"ע, אז הרה"ק רבי נפתלי הירץ מדינוב זי"ע איז נסתלק געווארן יונגערהייט ווייל זיין נשמה האט דורך זיין עבודת השם מיט א ברען פארברענט זיין גוף,

נאכן הסתלקות פון זיין גרויסן טאטע הרה"ק רבי דוד ביום י"ט אדר בשנת תרל"ד, האט ער איבער גענומען דאס רבנות אין דינוב, און אפילו זייענדיג נאך יונג האבן די חסידים פונעם טאטן זיך מדבק געווען אין אים מיט א מוראדיגע אהבה און אלפים הלכו לאורו,

ווען ער איז געווארן רב אין דינוב, איז דער צדיק געפארן צום הייליגען צאנזער רב זי"ע, און געבעטן אז ער זאל אים אויס לערנען די כוונות פון נעמען קוויטלעך, האט אים דער צאנזער רב געפרעגט אויף איינע פון דעם טאטן'ס מדריגות, אויב די טאטע האט אים דאס אויס געלערנט,

האט דער צדיק געזאגט, די טאטע האט מיך קיין איין מדרגה נישט אויס געלערנט, נאר ווען דער טאטע האט געגעסן, בין איך געזעצן קעגן אים און אויפגעפאסט זיין התנהגות, האט דער צאנזער רב געזאגט, דאן דארף איך דיך גארנישט אויס לערנען, ווייל די קענסט נעמען קוויטלעך,

ער איז געווען א גרויסע חלש, אבער ער האט מיט דעם אלעם ווייטער געדינט דעם גרויסן באשעפער מיט א מסירת נפש ממש, ער איז געווען א עניו מאוד און זיך געהאלטן א ער איז נאך ווייניגער ווי יעדער איד וואס איז געקומען צו אים,

מען דערציילט אז ווען דער צדיק איז געגאנגען אין ביהמ"ד, האבן צוויי גבאים געברויכט אנהאלטן דעם צדיק פון ביידע זייטן אז ער זאל נישט אום פאלן, ווייל דער צדיק איז געווען גאר שוואך, אבער אזוי ווי דער צדיק איז צו געגאנגען צום עמוד דאווענען, האט זיך אלעם פארענדערט, ער האט ממש געברענט ווי א אש קדוש און זיך געווארפן פאר גרויס פחד השם,

אויך האט ער ליידער אסאך געליטען מיט צער גידול בנים, ער האט פארלוירען 9 קינדער בחייו רח"ל, מען פארציילט, אז ווען ער האט רח"ל באערדיגט דעם לעצטען קינד, האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, "רבונו של עולם, איך האב נאר געוואלט איין קדיש'ל, אבער אויב עס קען נישט אזוי זיין, זאל זיין געגוג מיט דעם, יתגדל ויתקדש שמיה רבא", נאר צוויי טעכטער זענען געבליבן פון דעם צדיק וקדוש,

צדיקים בדורו זענען ארויס פון התפעלות פון זיינע מדרגות מופלאים אין עבודת השם, און זיין געוואלדיגע יראת שמים, איינמאל איז ער געווען ביים

הייליגען צאנזער רב זי"ע, און דער צאנזער רב האט געלאזט ריפן זיינע קינדער און געזאגט, קוקט אויף דעם פנים פון דעם צדיק, ווייל קוקען אויף זיין פנים ברענגט יראת שמים,

ווען דער הייליגער דברי חיים האט חתונה געמאכט זיין טאכטער מיט הרה"ק רבי אהרן הורוויץ אב"ד בייטש זי"ע, האט דער דברי חיים מכבד געווען דעם רבין הרה"ק רבי נפתלי הירץ מדינוב זי"ע אלס מסדר קידושין, און געזאגט אז דער מסדר קידושין דארף זיין א ירא שמים,

אויך ווען עס איז געקומען צום ליינען די כתובה, האט מען מכבד געווען א אנדערן רב, אבער דער צאנזער רב זי"ע האט בשעת יענער האט געליינט די כתובה, געהאלטן און איין זאגן הע, הע, כאילו ער הערט נישט וואס יענער זאגט, און מען האט געזען אז עס איז ניחה פאר דברי חיים זי"ע אז יענער ליינט די כתובה,

און דאן האט דער צאנזער רב זי"ע מכבד געווען דעם צדיק רבי ישעי' נפתלי הירץ מדינוב זי"ע מיט כתובה ליינען, און אפילו דער צדיק איז דאן געווען גאר שוואך און געליינט די כתובה גאר שטיל, האט אבער דער צאנזער רב זי"ע געזאגט בזה"ל, "ער ליינט גאר גוט", ווייל די צוויי צדיקים האבן זיך געהערט אויף א אנדערן דרגה ווי סתם רעדן,

אויך איז דא א מכתב מזל טוב וואס דער הייליגער דברי חיים האט געשיקט פארן רבין ווען ער האט חתונה געמאכט זיין טאכטער בשנת תרל"ה, דארט שטייט בזה"ל, "לכבוד ידידי מחו' ה"ה הרב הצדיק בצי"ק חו"פ בנש"ק מו"ה נפתלי נ"י שליט"א",

אויך איז דא א בריוו פון הרה"ק רבי אהרן קרייז אב"ד צאנז זי"ע, ווען ער האט געשיקט א איינלאדענונג פארן רבין צו די חתונה פון זיין ברידער הרה"ק רבי ישעי'לע מטשחויב זי"ע וואס איז פאר געקומען אין בעלזא, שרייבט רבי אהרן בזה"ל, "הרב המאה"ג החריף ובקי הצדיק בוצינא קדישא חו"פ נ"י, שלשלת היוחסין בנש"ק בקש"ת מו"ה ישעי' הירץ שליט"א שפירא האב"ד דק' דינוב יע"א",

דער צדיק וקדוש רבי ישעי' נפתלי זי"ע איז געווען גאר שטארק מקושר צו די רבי"ס אין בעלזא, זיין טאטע איז געווען מקושר צו הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע, און דער זוהן הרה"ק רבי נפתלי הירץ זי"ע איז געווען גאר שטארק מקושר צו הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע,

איינמאל האט ער געהאט גרויסע יסורים אויפן מויל, איז ער געפארן צו הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע, ווען ער איז אנגעקומען האט ער געזאגט פארן בעלזא רבין, מיין טאטע רבי דוד זי"ע ווען ער האט געהאט א מיחש איז ער געקומען צום טאטן הרה"ק השר שלום מבעלזא זי"ע, און ווען דער שר שלום האט געלייגט די הענט אויפן פלאץ ווי די מיחש איז געווען, איז דער טאטע אויס געהיילט געווארן, און דערפאר בעט ער דעם רבין אז ער זאל דאס אויך טון און ברענגען פאר אים א רפואה,

האט דער בעלזא רב געזאגט, איך וועל דיר זאגן וואס די כח פונעם טאטן איז געווען, ווייל די רמ"ח אברים און די שס"ה גידים פון א מענטש איז קעגן, די רמ"ח מצות עשה, און די שס"ה מצוות לא תעשה, און ווען א איד ח"ו איז עובר אויף איינע פון די מצוות גייט אריין די כח מסט"א אין דעם אבר, און ווען דער צדיק לייגט ארויף די הענט טרייבט ער ארויס דעם כח פונעם סט"א,

אבער די רבי נפתלי הירץ האסט דאך נישט פוגם געווען אין קיין שום עבירה, איז דיינע יסורים פונעם כח הקדושה בבחינת "יסורים של אהבה" און נאר פאר די טובה פון כלל ישראל, און אויף דעם קאן איך נישט העלפן,

ער האט איבער געלאזט צוויי טעכטער,

בתו, הרבנית הצדקת מרת חנה מינדל ע"ה, אשת הגה"צ רבי יוסף שפירא זי"ע, ממלא מקום חותנו בדינוב,

בתו, הרבנית הצדקת מרת נחמה טילא ע"ה, הי"ד, אשת הגה"צ רבי נחמי' שפירא אב"ד סאסוב זי"ע, הי"ד,

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע דברי תורה אונעם ספר הנותן אמרי שפר,

ווינטער בשנת תרמ"ה איז ער ליידער קראנק געווארן און ער האט געברויכט פארן קיין ווינען צו דאקטורים, אבער דער צדיק האט נישט געוואלט דארט בלייבן, ווייל ער האט געוואלט אהיים גיין, ער האט דאן באקומען מכתבים פון גרויסע צדיקים דורו ובתוכם הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע, הרה"ק רבי שלמה מבאבוב זי"ע, הרה"ק רבי אלעזר ריישא זי"ע, וואס האבן זיך געבעטן ביי דעם צדיק אז ער זאל פאלגען די דאקטורים,

שפעטער אפילו זייענדיג גאר שוואך איז ער געווען אין בעלזא, און געבעטן דעם בעלזא רבין זאל מתפלל זיין פאר זיין געזונט, ווען ער איז אוועק געפארן האט דער הייליגער בעלזא רבי געזאגט, "א שאד אויף אזא יוד",

אפאר וואכן פאר שבועות איז די מצב געווארן זייער שווער, אידן פון אלע שטעט האבן מתפלל געווען פאר דעם צדיק אז ער זאל האבן א רפואה שלימה בקרוב, און ווען דער בעלזא רבי האט געהערט אז די מצב איז זייער שווער, האט ער געבעטן אז ער וויל גיין מבקר חולה זיין דעם דינובער רב,

די שטוב מענטשן האבן געבעטן דעם בעלזא רב זי"ע, אז ער זאל נישט פארן אזוי נאנט צום יו"ט שבועות, און אפשר וועט ער נישט קענען אנקומען צוריק קיין בעלזא אויף יו"ט, און אויך האט דער בעלזא רב געהאט א מנהג נישט צו פארן אינמיטן די ספירה טעג, אבער דער צדיק האט זיך נישט געלאזט און זיך גרייט געמאכט צו פארן קיין דינוב,

אבער ליידער זענען די שערי שמים געווען פארשפארט, און נאך פאר דער בעלזא רבי האט געקענט פארן, איז אנגעקומען די בשורה הלא טובה אז דער הייליגער דינובער רב איז נסתלק געווארן, און דער הייליגער בעלזא רב זי"ע האט געהאט פון דעם גרויס צער, אז ער האט נישט זוכה געווען אפילו נאך איינמאל צו זען די צורה פון דעם צדיק וקדוש,

הגה"ק רבי ברוך בענדיט ליכטענשטיין אב"ד קראסנא זי"ע הי"ד האט פארציילט, אז ער איז געווען דאן אין בעלזא ביים רבין ווען די בשורה איז אנגעקומען, און דער צדיק האט מיט גרויס צער זיך אנגערופען "אוי, ער איז דאך א גרויסער ערליכער יוד געווען", די בעלזא רעבעצין האט זיך זייער געוואונדערט, און געפרעגט דעם רבין, ער איז דאך געווען א גרויסע רבי פון טויזנטער חסידים, האט דער בעלזא רב געזאגט "רבי"ס איז דא אסאך, ערליכע יודען איז דא ווייניג",

דער ברידער הרה"ק רבי צבי אלימלך בעל צבי לצדיק מבלאזוב זי"ע האט געזאגט ביי די לוי' מורא'דיגע ווערטער אויפן ברידער, "אז אויב וואלט דער ברידער דער צדיק געהאט התנגדות אויף זיין עבודת הקודש, וואלט דאס אים געברענגט אריכת ימים", וואס דאס מיינט אז יעדער פונעם דור האט פון דעם צדיק געהאלטן,

נסתלק לגנזי מרומים בדמי ימיו בן מ"ז שנים ביום ד' סיון מ"ח לעומר בשנת תרמ"ה, ומנוחתו כבוד איז אונעם אוהל אין ביה"ח אין שטאט דינוב, צוזאמען מיטן זיידן דער הייליגער בני יששכר און זיין טאטע רבי דוד'ל זי"ע,

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.